ביכערפערלאג „צוקונפט“

ק. מארקס און פר. ענגעלס.

דער קאמוניסטישער מאניפעסט.

איבערזעצט דורך

ד. ט.

פרייז 9 קאפּ.

ווילנא.

דרוק פון י. פיראָזשניקאָוו.

1906.

379

HARVARD UNIVERSITY LIBRARY

ק. מארקס און פר. ענגעלס.

דער קאמוניסטישער מאניפעסט.

איבערזעצט דורך

ד. ט.

ווילנא.

דרוק פון י. פיראָזשניקאָוו.

1906.

בורזשואַ און פּראָלעטאַריער[1]

די געשיכטע פֿון יעדער געזעלשאַפֿט, וואָס האָט וועןעס איז ביז אַהער עקזעסטירט, איז די געשיכטע פֿון קאַמפּף פֿון איהרע קלאַססען.

דער פֿרייער מענש און דער קנעכט, די אַמאָליגע רוימישע אַריסטאָקראַטען, די פּאַטריציער און דער רוימישער המון, דער פֿלעבייער, דער באַראָן פֿון מיטעלאַלטער און זיין אונטערטהאַניגער בויער, דער פּאַרובאָק, דער צעכאָווער בעל-מלאכה און זיין אַר= בייטער, קורץ געזאָגט, דער הערשער און דער פֿערשקלאַפּטער, האָבען שטענדיג געפֿירט איין און אויפֿהערליכען, דאָ איין פֿערשטעלטען און דאָ איין אָפֿענעם קאַמפּף, איין קאַמפּף, וועלכער פֿלעגט זיך יעדען מאָל ענדיגען אָדער מיט איין גרינדליכע רעוואָלוציאָנערע איבערקערענים אין דער גאַנצער געזעלשאַפֿט, אָדער מיט דעם אונטערגיין פֿון אַלע קלאַססען צוזאַמען, וואָס האָבען געקעמפּפֿט צווישען זיך.

אין אַלע פֿריהערדיגע עפּאָכען פֿון דער מענשליכער געשיכטע געפֿינען מיר כמעט אומעטום איין שאַרפֿע צושפּאַלטונג פֿון דער געזעלשאַפֿט אויף פֿערשיעדענע שטאַנדען, וואָס האָבען פֿערנומען איין פֿערשיעדענע מדרגה אין דעם געזעלשאַפֿטליכען לעבען. אין דעם אַלטען רוים בעגעגענען מיר די פּאַטריציער, די רייטער, די פֿלעבייער, די שקלאַפֿען. אין מיטעלאַלטער — די פֿעאָדאַלען, וואַססאַלען[2], צעכאָווע בעלי-מלאכות, זייערע אַרבייטער, די האַלבע פֿערשקלאַפּטע פּויערים פֿון פֿאַנשציזנע און אין יעדער פֿון די קלאַססען נאָך זיינע אייגענע בעזונדערע צוטיילונגען און שטופּפֿען.

די יעצטיגע בורזשואַזנע געזעלשאַפֿט, וואָס האָט זיך געגרינדעט אויף די חורבות פֿון דער פֿעאָדאַלער געזעלשאַפֿט האָט ניט פֿער- ניכטעט די קלאַססען היפוכים. אַנשטאָט די אַלטע האָט זי נור אַוועק- געשטעלט נייע קלאַססען, זי האָט בעשאַפֿען נייע מיטלען פֿון קאַמפּף.

---

[1]) מענשען וואָס האָבען ניט קיין פֿערמעגען.

[2]) מענשען, וואָס זיינען געווען אונטערטהעניג די פֿעאָדאַלע באַראָנען, פֿלעגען דאַרפֿען צושטעלען אַ געוויסע צאָהל מענטשען און קריגס מאַטעריאַל אין די צייט פֿון קריג און פֿלעגען צאָהלען געוויסע צינזען, די וואַססאַלען אַליין פֿלעגען האָבען אונטער זיך די פּויערים.

אונזער בורזשואַזע עפּאָכע כאַראַקטעריזירט זיך מעהר ניט מיט דעם, וואָס זי האָט געמאַכט איינפאַכער די קלאַססען=געגענזע- צען. די גאַנצע געזעלשאַפט צופאַלט זיך, וואָס ווייטער אַלץ מעהר אויף צוויי גרויסע פיינדליכע מחנות, אויף צוויי גרויסע קלאַססען, וואָס שטייען גלייך איינער געגען דעם אַנדערען. די בורזשואַזיע און דער פּראָלעטאַריאַט. פון די קרעפּאָסטנייע פון מיטעלאַלטער זיינען אַרויסגעגאַנגען די איינוואוינער, די בירגער פון די ערשטע שטעדט; פון די שטאָדטישע בירגער האָבען אַרויסגעשפּראָצט די ערשטע בליהונגען פון דער בורזשואַזיע.

די ערעפענונג פון אַמעריקאַ, דער נייער וועג דורכ'ן ים אַרום אַפריקאַ, האָבען אַוועקגעגעבען אין דעם רשות פון דער נויטבע- דערפטיגע בורזשואַזיע נייע לענדער. די מערק פון אָסט-אינדיען און קיטאַי, די בעזעצונג פון אַמעריקאַ, דער פערקעהר מיט די קאָלאָניען, די פערגרעסערונג פון די האַנדלסמיטלען, און פון אַלע סחורות בכלל, האָבען געגעבען דעם האַנדעל, דעם ים-פערקעהר און דער אינדוסטריע, אַזאַ הויב, וואָס ביז דאַן האָט מען נאָך פון דעם ניט געוואוסט. און דאָס אַליין האָט מיט געבראַכט, אַז עס זאָל זיך גי- ענטוויקלען אַליין רעוואָלוציאָנערער עלעמענט אין דער פעאָדאַלער געזעלשאַפט, וואָס האָט געהאַלטען ביין צופאַלען.

דער פעאָדאַלער אָדער דער צעכאָווער אופן פון פּראָדוקציאָן, וואָס האָט עקזיסטירט ביז דאַן, האָט מער ניט גאַרמאָנירט מיט די נייע, גרויסע בעדירפניסען אויף סחורות, וואָס איז געוואַקסען צוליעב די נייע מערק. דעם אָרט פון די פריהערדיגע פּראָדוקציאָנס סיסטעם פערנעמט די מאַנופאַקטור[3]), די צעכאָווע בעלי-מלאכות זיינען געוואָרען אַרויסגעשטופּט דורך דעם אינדוסטריעלען מיטעלקלאַסס, די צוטיילונג פון דער אַרבייט צווישען פערשיעדענע צעכאָווע פעראיינען איז פערשוואונדען, אַנשטאָט דעם איז איינגעפירט געוואָרען די צוטיי- לונג פון דער אַרבייט אין יעדער בעזונדערן ווערשטאַט גופא.

די מערק זיינען אַלץ מעהר געוואַקסען און דער אנשלאַג אויף סחורה איז געוואָרען אַלץ גרעסער. די מאַנופאַקטור האָט שוין אויך מעהר ניט געקענט בעפרידיגען דעם פערלאַנג. אָט דאָ האָבען דער דאַמפּף און די מאַשין רעוואָלוציאָניזירט די פּראָדוקציאָן. אַנשטאָט

[3]) מאַנופאַקטור אונטער שיידעט זיך פון קליין ווערקשטאַט מיט דעם, וואָס אין איהר עקזעסטירט אַ בעדייטענדער צוטיילונג פון דער אַרבייט, און פון פאַבריק מיט דעם, וואָס אין איהר זיינען נאָך ווייניג איינגעפירט מאַשינען.

די מאַנופֿאַקטור האָט זיך בעפֿעסטיגט די גרויס פּראָדוקציאָן, אַנ־שטאַט דעם אינדוסטריעלען מיטעל קלאַסס — מיליאָנערען, הערשער איבער גאַנצע פּראָדוקטיווע אַרמעען, די היינטיגע בורזשואַזיע.

די גרויסע אינדוסטריע האָט געשאַפֿען דעם וועלט מאַרק, וועלכער איז שוין געווען אַ ביסל צוגעגרייט דורך די ענטדעקונג פֿון אַמעריקאַ. דער וועלט מאַרק האָט אַרויס גערופֿען, אַזאַ שטאַרקע ענטוויקלונג פֿון האנדעל, פֿערקעהרס מיטלען אויף דעם ים, און אויף דער יַבָּשָׁה, וואָס עס איז שווער געווען אויסצורעכענען.

דיעזער ענטוויקלונג האָט ווידער געמאַכט איין ווירקונג אויפ'ן וואוקס פֿון דער אינדוסטריע, און צוזאַמען מיט דעם וואַקסען פֿון פּראָדוקציאָן, פֿון האַנדעל, פֿון ים־פֿערקעהר, פֿון די נעץ פֿון אייזענ־באַהנען האָט זיך אויך ענטוויקעלט די בורזשואַזיע, פֿערמעהרענדיג איהרע קאַפּיטאַלען און אָפּשטופּענדיג אויפֿען הינטערשטען פּלאַץ אַלע קלאַססען, וואָס זיינען איבער געגאַנגען פֿון מיטעלאַלטער.

אָט אַזוי זעהען מיר אַז די בורזשואַזיע אַליין איז אַ פּראָדוקט פֿון אַ דויערנדען פּראָצעס פֿון ענטוויקלונג, פֿון אַ גאַנצע רייהע איבערקערעניסען אין דעם אופן פֿון פּראָדוקציאָן און פֿון מענשען־פֿערקעהר, יעדערע פֿון די ענטוויקלונגס שטופּען פֿון דער בורזשו־אַזיע האָט זיך בעגלייט מיט איין פּאַסענדען פּאָליטישען פּראָצעס: דאָ איז די בורזשואַזיע אַ פֿערשקלאַפֿטער שטאַנד אונטער די הערשונג פֿון פֿעאָדאַלע הערען, און דאָרטען איין בעוואָפֿענטע געזעלשאַפֿט מיט איין אייגענע פֿערוואַלטונג אין דער קאָממונע[1]), דאָ איין אומ־אַבהייניגע שטעדטישע רעפּובליק און דאָרטען איין דריטער שטאַנד אין איין מאָנאַרכישע מלוכה, וואָס האָט געטראָגען אויף זיך בעזונדערע אָבצאָלונגען; נאָכהער אין די צייט פֿון מאַנופֿאַקטור איז זי אַרויס געטראָטען געגען דעם אַדעל אין דער אומבעגרענצטער מאָנאַרכיע, אָדער אפֿילו אין דער מאָנאַרכיע, וואָס איז געווען בעגרענצט מיט פֿאָרשטייער פֿון אַלע שטאַנדען, און איז בכלל געווען דער הויפּט פֿונדאַמענט פֿון אַלע גרויסע מאָנאַרכיען. ענדליך פֿון דער צייט ווען עס איז ענטשטאַנען די גרויספּראָדוקציאָן און דער וועלט מאַרק, האָט זי עראָבערט אין דעם היינטיגען פֿאָרם פֿון רעגירונג, פֿון פֿאָלקס פֿאָרשטעהער די אויסשליסליכע און מעכטיגע פּאָליטישע הערשאַפֿט.

די היינטיגע רעגירונגס מאַכט איז נור די פֿאָרשטייהערין פֿון דער בורזשואַזיע, וואָס איז זיך מתעסק מיט די געזעלשאַפֿליכע ענינים פֿון דעם גאַנצען בורזשואַזען קלאַס.

די בורזשואַזיע האָט געשפּילט אין דער געשיכטע די העכסטע רעוואָלוציאָנערע ראָליע.

די בורזשואַזיע, דאָרט וואו זי פּלעגט זיך דערשלאָגן איהר הערשאַפט, האָט פאַרניכטעט אַלע פעאָדאַלע, פּאַטריאַרכאַלע, אידילישע בעציעהונגען. זי האָט אָן רחמנות צוריסען די פיל פאַרביגע פעאָדאַלע פענטעס, וואָס האָבען פערבונדען דעם מענשען מיט זיין נאַטירליכען הערשער און האָט ניט געלאָזען בין אָדָם לַחֲבֵרוֹ קיין אַנדערע בעציעהונגען, ווי דעם טרוקענעם אינטערעס; דעם געפיעללאָזען אויס-רעכענונג אויף „בארע געלד”. זי האָט דערטרונקען אין די אייזקאַלטע וואַסער פון דער עגאָאיסטישער אויסרעכענונג, די הייליגע שוידערניש פאַר פרומע התלהבות, די בעגייסטערונג פון די ריטער, די בירגערליכע סאַנטימענטאַליטעט. זי האָט איבערגעאַרבייט די זעלבסטעהרע אין איין האַנדלס זאַך, און אַ סחורה און האָט פערביטען די אַלע צאָלרייכע פרייהייטען בעשטעטיגטע דורך בריעף פון קיסרים און רעגירונגען און עררייכטע מיט אַנדערע מיטלען, מיט איינעם: מיט די אונפערשעמטע פרייהייט פון האַנדעל. מיט איין וואָרט, זי האָט פערביטען די עקספּלואַטאַציאָן וואָס איז געווען פערדעקט מיט רעליגיעזע און פּאָליטישע אילוזיען מיט איין עקספּלואַטאַציאָן איין אָפּענבאַרע, איין אומפערשעמטע, איין דירעקטע, איין עקספּלואַטאַציאָן אָן רחמנות.

די בורזשואַזיע האָט אַראָב געריסען די ליכטשטראַלען, מיט וועלכע עס זיינען געווען אַרומגערינגעלט איינינע בעשעפטיגונגען, וואָס האָבען זיך ביז דאַן גערעכענט פיר בעזונדערס געעהרטע, וואָס פּלעגען אַרויס רופען צו זיך איין הויכע אַכטונג, איין פורכטזאַמע פערגעטערונג. זי האָט געמאַכט פון דעם דאָקטאָר, דעם יוריסט, דעם פּריסטער, דעם פּאָעט, דעם געלעהרנטען איהרען אַ פּשוטען געדונגענעם אַרבייטער.

די בורזשואַזיע האָט אַראָב גענומען פון די בעציעהונגען אין דער פאַמיליע איהר ריהרענדען, סאַנטימענטאַלען צודעק, און האָט פון זיי געמאַכט איין געלד-עסק.

די בורזשואַזיע האָט אַרויס געוויזען אַז די גראָבע קראַפט אין דעם מיטעל-אַלטער, פיר וועלכע די רעאַקציאָן ווערט נאָך יעצט אזוי נתפּעל, פּלעגט, אָבער נאָכהער, נאָך איין קורצע בעלעבטע טהעטיגקייט אַריינפאַלען אין אַ שווערען אונבעוועגליכען שלאָף. נור זי האָט בעוויזען, וואָס די מענשליכע טהעטיגקייט קען אין אמת'ען בעשאַפען. זי האָט בעשאַפען וואונדערליכע געביידען פון איין אַנדערען

סאָרט, ווי די גרויסע פּיראַמידען פֿון מצרים, די היגאַנטישע רוימישע געביידען און די גאָטישע קלויסטערס פֿון מיטעל אַלטער; זי האָט דורכגעמאַכט אַנדערע בעוועגונגען, ווי די מסעי הצלב אין די גרויסע וואַנדערונג פֿון די פֿעלקער.

די בורזשואַזיע קען ניט עקזיסטירען אָן דעם, אַז זי זאָל ניט רעוואָלוציאָניזירען די מיטלען פֿון פּראָדוקציאָן, צוזאַמען מיט דעם די בעציעהונגען אין דער פּראָדוקציאָן און דעריבער אויך די געזעלשאַפֿליכע בעציעהונגען, אַלע צוזאַמען. דאָס, וואָס די אַלטע אופֿנים פֿון אויסאַרבייטונג האָבען געטראָגען אין זיך אין אונפֿערביטענעם אויסזעהען איז געוועזען פֿערקעהרט די וויכטיגסטע סבה, וואָס די אַלע אינדוסטריעלע קלאַססען האָבען נאָך געקענט ציהען. די בורזשואַזיע עפּאָכע אונטערשיידעט זיך בולט פֿון אַלע אַנדערע טאָקע מיט דעם, וואָס אין איהר קומט פֿאָר איין שטענדיגער איבערקערענים אין דער פּראָדוקציאָן, איין אונאויפֿהערליכע ציטערנים פֿון אַלע גרונדען פֿון דער געזעלשאַפֿט, וואָס אין איהר איז ניטאָ קיין גלייכגעוויכט, וואָס אין איהר קומט פֿאָר אַ אייביגע בעוועגונג. אַלע פֿערהאַרטעוועטע, פֿערהאַסטע בעציהונגען מיט די געעהרטע, אַלטמאָדישע פֿאָרשטעלונגען און איבער-צייגונגען, וואָס בעגלייטען זיי שטענדיג, ווערען פֿערניכטעט, אַלע נייע ווערען שוין אַלט איידער זיי האָבען געהאַט די מעגליכקייט צו פֿערשטיינערט ווערען. דאָס אַלץ, וואָס האָט בעשאַפֿען די קאַסטע, דער שטאַנד, און וואָס איז געוואָרען איינגעוואָרצעלט, איז פֿערשוואונדען ווי אַ רויך. אַלע הייליגטומען ווערען מטמא, און אַם ענדע מוזען די מענשען אַנהויבען צו קוקען ניכטער אויף זייער לאַגע און אויף זייערע געגענזייטיגע בעציהונגען.

די בעדערפֿנים צו פֿערקויפֿען אַלע איהרע סחורה, וואָס ווערט אַלץ גרעסער ביי די בורזשואַזיע, טרייבט איהר איבער דעם גאַנצען ערד-קוגעל, זי וויל זיך אומעטום איינפֿלאַנצען, אומעטום ווערען אַ בעל-הבית'טע, אומעטום שאַפֿען פֿערבינדונגען.

מיט איהר עקספּלואַטאַציאָן פֿון דעם וועלטמאַרק האָט די בורזשואַזיע צו-געגעבען איין קאָסמאָפּאָליטישען כאַראַקטער דער פּראָדוקציאָן און דער פֿערניצונג פֿון די פּראָדוקטען אויף דער גאַנצער ערד. צו די גרויסע אונצופֿרידענהייט פֿון די רעאַקציאָנערען האָט זי צוגענומען ביי די אינדוסטריע איהר נאַציאָנאַלען באָדען. די אַלע צווייגען פֿון דער נאַציאָנאַלער אינדוסטריע ווערען מיט יעדען טאָג פֿערניכטעט. זיי ווערען אַרויסגעשטופּט דורך אַזאַ פּראָדוקציאָן, וואָס איז געגרינדעט אויף נייע אופֿנים, וואָס איהר איינפֿיהרען איז אַ פֿראַגע

פֿון לעבען און טויט ביי אַלע ציוויליזירטע לענדער; זי ווערט אַרויס געשטופּט דורך אַזאַ פּראָדוקציאָן, וואָס בעאַרבייט ניט נור אָרטיגע רויהע פּראָדוקטען, נור אפילו פֿון די ווייטסטע לענדער, און איהרע סחורות ווערען פֿערנוצט ניט נור אויף איין אָרט, נור אין אַלע וועלט-טיילען, אָנשטאָט די אַלע בעדערפֿניסע, וועלכע פֿלעגען ווערען בעפֿרידיגט מיט די פּראָדוקטען פֿון יעדער לאַנד בעזונדער, ווערען יעצט געבאָרען נייע, פֿיר וועלכע עס איז נויטיג די פּראָדוקטען פֿון די ווייטסטע לענדער און פֿערשיידענסטע קלימאַטען. די איינגעשלאָסענהייט פֿון די פֿעלקער, וואָס עס גיבט זיי די מעגליכקייט קריגען ביי זיך אַלץ, אין וואָס זיי נויטיגען זיך, ווערען פֿערביטען מיט איין בעלעבטען פֿערקעהר און מיט איין צוזאַמענהאַנג צווישען זיי אין אַלע פֿאַכען פֿון לעבען; אויף דעם פֿעלד פֿון גייסטליכע שאַפֿונג בעמערקען מיר די זעלבע זאַך, וואָס ביי די אויסאַרבייטונג פֿון מאַטעריעלע פּראָדוקטען. די פּרות פֿון גייסטליכע שאַפֿונג פֿון יעדער פֿאָלק ווערט איין אַלגעמיינער פֿערמעגען פֿון אַלע פֿעלקער. נאַציאָנאַלע איינזייטיגקייט און בעגרעניצקייט ווערען אונמעגליך, און פֿון פֿיעלע נאַציאָנאַלע און אָרטיגע ליטעראַטורען ווערט איינע, איין אַלוועלטליכע.

די בורזשואַזיע ציהט אַריין אויף דעם וועג פֿון ציוויליזאַציאָן אַלע פֿעלקער, אפילו העכסט באַרבאַרישע, דורך דעם, וואָס זי פֿערבעסערט די אויסאַרבייטונגס מיטלען און פֿערגרינגערט אונענדליך דעם מענשליכען פֿערקעהר. די וואָלוועלע פּרייזען פֿון איהרע סחורות, זיינען איהר אַרטילעריע, מיט וועלכע זי גראָבט אַראָפּ אַלע כינעזישע ווענד, וואָס טיילען אָפּ איין פֿאָלק פֿון דער גאַנצער איבעריגער וועלט, און זי נייטיגט זיך אונטערצוגעבען אַלע באַרבאַ־ען, וואָס טראָגען איין ניט שטילענדען האַס צו אַלעם אויסלענדישעס. זי נויטיגט אַלע פֿעלקער אָננעמען די פּראָדוקציאָנס מיטלען פֿון דער בורזשואַזיע, ווייל ווען ניט מוזען זיי אונטערגיין. זי צווינגט איינצופֿיהרען ביי זיך דאָס, וואָס מען רופֿט ציוויליזאַציאָן, ר. ה. ווערען בורזשואַ, מיט איין וואָרט, זי בעשאַפֿט די וועלט נאָך איהר געשטאַלט, כצלמו וכדמותו.

די בורזשואַזיע האָט פֿערשפּרייט איהר הערשונג אויך אויף דעם דאָרף. זי האָט בעשאַפֿען גרויסע שטעדט, זי האָט אין איין גרויסען גראַד פֿערגרעסערט די צאָהל שטעדטישע איינוואוינער אויף דעם רעכענונג פֿון די דאָרפֿישע בעפֿעלקערונג און האָט דאַדורך אַרויס גערופֿען פֿיעלע מענשען פֿון די דאָרפֿישע לעבענס בעדינגונגען, וואָס פֿערטעמפּפֿען דעם מענשען. אַזוי ווי זי האָט געמאַכט דעם דאָרף

אָבהיינגיגקייט פֿון די שטאָדט, אַזוי האָט זי אויך פֿערבונדען די באַר-באַרישע און האַלב באַרבאַרישע לענדער מיט די ציוויליזירטע, די ערדאַרבײַטערישע פֿעלקער מיט די בורזשואַזיע, די מזרח-לענדער מיט דעם מערב.

די בורזשואַזיע פֿערניכטעט אַלץ מעהר די צוברעקלונג פֿון דעם אייגענטהום און פֿון דער בעפֿעלקערונג. זי האָט צוזאַמענגעלייגט בעזונדערע טיילען פֿון דער בעפֿעלקערונג, האָט צענטראַליזירט די פּראָדוקציאָנס מיטלען און האָט צוזאַמענגעקליבען גאָר די אייגענטהום אין איינציגע הענד. דאָס האָט נויטווענדיג געמוזט שאַפֿען איין פּאָליטישע צענטראַליזאַציאָן. אומ-אָבהיינגיגע, קוים צוזאַמענגעבונדענע צווישען זיך פּראָווינצען מיט פֿערשידענע אינטערעסען, געזעצען, רעגירונגען און אָבצאָלונגס טאַריפֿען זיינען געוואָרען אַריינגעשטופּט אין די גרענעצען פֿון איין נאַציאָן מיט איין רעגירונג, איין געזעץ, איין נאַציאָנאַלען קלאַססען-אינטערעס, מיט איין טאַמאָזשענע ליניע.

אין דער צייט פֿון איהר הונדערטיאָהריגע עקזיסטענץ אַלס אַ קלאַס, האָט די בורזשואַזיע בעשאַפֿען מעהרערע און גרעסערע פּראָדוקציאָנס קרעפֿטען, ווי די פֿריהערדיגע דורות אַלע צוזאַמען. דער נצחון איבער די נאַטור קרעפֿטען, די אײַנפֿיהרונג פֿון מאַשינען, די אָנווענדונג פֿון כעמיע אין די אינדוסטריע און ערדאַרבייט, דער פֿערקעהר אויף פּאַראָכאָדען און אַייזענבאַנען, דער טעלעגראַף, די עקספּלואַטאַציאָן פֿון די רייכטהימער פֿון גאַנצע וועלטטיילען, גאַנצע פֿעלקער, וואָס זיינען אויסגעוואַקסען אַזוי ווי צוליעב איין צויבער-שטעקען, אין וועלכען יאָהרהונדערט פֿריהער האָט מען געקענט רעכענען, אַז אין די געזעלשאַפֿטליכע אַרבייט שלימטערען אַזוי פֿיל פּראָדוקטיווע קרעפֿטען? אויף אַזאַ אופֿן האָבען מיר געזעהען, אַז די פּראָדוקציאָנס-און פֿערקעהרס מיטלען, וואָס זיינען דער גרונד פֿון וואוכס פֿון דער בורזשואַזיע, האָבען זיך נאָך בעשאַפֿען אין דער פֿעאָדאַלער געזעלשאַפֿט. אויף אַ געוויסע שטופֿע פֿון ענטוויקלונג פֿון די פּראָדוקציאָנס קרעפֿטען, האָבען די פֿערשטאַרקטע פּראָדוקטיווע קרעפֿטען שוין מעהר ניט האַרמאָנירט מיט די בעדינגונגען, אין וועלכע עס פֿלעגט פֿאָרקומען דער פּראָצעס פֿון אויסאַרבייטונג, און אויסבייטונג אין דער פֿעאָדאַלער געזעלשאַפֿט; זיי האָבען ניט האַרמאָנירט מיט דעם אופֿן, ווי עס איז געווען איינגעאָרדענט די ערד אַרבייט און די כאַנופֿאַקטור אין דעם פֿעאָדאַלען אָרדנונג, קורץ, מיט אַלע פֿעאָדאַלע בעציהונגען פֿון אייגענטהום און פֿערמעגען. זיי האָבען פֿערהאַלטען די פּראָדוקציאָן. אָנשטאָט איהם צו לאָזען זיך

פֿריי ענטוויקלען זיינען זיי געוואָרען זיינע קייטען, וואָס האָבען איהם געדריקט. מען האָט זיי געמוזט צוברעכען, און מען האָט זיי צובראָכען.

זייער אָרט האָט פֿערנומען די פֿרייע קאָנקורענץ מיט אַ פּאַסיגען געזעלשאַפֿטליכען און פּאָליטישען אָרדענונג, מיט די עקאָנאָמישע אונ פּאָליטישע הערשונג פֿון דער בורזשואַזיע.

אַט דער פּראָצעס קומט פֿאָר אויף אונזערע אויגען. די היינטיגע בורזשואַזע געזעלשאַפֿט מיט די בורזשואזע פֿאָרמען פֿון הערשאַפֿט און פֿון צווישענ=פֿעלקערליכע בעציהונגען, וואָס עקזיסטירט אין איהר, מיט איהרע בורזשואַזע בעציהונגען פֿון אייגענטהום, די געזעלשאַפֿט, וואָס האָט אַרויסגערופֿען אַזוי ווי מיט כשוף אַזוינע גראַנדיאָזנע מיטלען פֿון פּראָדוקציאָן און פֿערקעהר, זי איז יעצט ענליך צו אַ כשוף-מאַכער, וואָס קען ניט מעהר איינהאַלטען די טייוועלשע כחות, וואָס ער אַליין האָט אַרויסגערופֿען. די געשיכטע פֿון אינדוסטריע און האַנדעל די לעצטע צענדליגער יאָהרען איז נאָר איין געשיכטע פֿון איין בונט פֿון היינטיגע תנאים פֿון פּראָדוקציאָן געגען די בעציהונגען פֿון אייגענטהום, וואָס זיינען נויטיג פֿיר דעם לעבען פֿון דער בורזשואַזיע און פֿאַר איהר עקזיסטענץ. עס איז גענוג אָנצווייזען אויף די האַנדעלס קריזען, וואָס קומען שוין פֿאָר רעגעלמעסיג פּעריאָדיש, און שטעלען אַרויס אַלץ גרויזאַמער די פֿראַגע וועגען די עקזיסטענץ פֿון דער גאַנצער בורזשואַזער געזעלשאַפֿט. די האַנדעלס קריזען, פֿערניכטען יעדער מאָל ניט נאָר איין גרויסע טייל פֿון די פֿאַרטיגע אויסגעאַרבייטע סחורות, נור אויך פֿון די פּראָדוקטיווע קרעפֿטען, וואָס די געזעלשאַפֿט האָט שוין געשאַפֿען. די קריזיסען זיינען אַמין געזעלשאַפֿטליכע עפּידעמיע, וועלכע וואָלטען אין די פֿריהערדיגע עפּאָכען אויסגעוויזען פֿיר אַ אונגעלומפּערטע זאַך—איין עפּידעמיע צוליעב איבער פּראָדוקציאָן, מעהר וויפֿיל מען דאַרף, צוליעב איבעריגע סחורה. די געזעלשאַפֿט קעהרט זיך אום אויף איין קורצע צייט צו דעם באַרבאַרישען צושטאַנד; אַזוי ווי איין הונגער אָדער איין אַלגעמיינער ביטערער קריעג וואָלטען ביי איהם צוגענומען אַלע מיטלען צום עקזיסטענץ; די אינדוסטריע און דער האַנדעל ווערען פֿערניכטעט. פֿאַר וואָס זשע איז דאָס? דער פֿאַר, ווייל די געזעלשאַפֿטליכע ציוויליזאַציאָן האָט דערגרייכט איין צו הויכע שטופּע, ווייל אין דער געזעלשאַפֿט האָט זיך צונויפֿגעקליבען צו פֿיעל עקזיסטענץ מיטלען, ווייל די אינדוסטריע און דער האַנדעל האָבען זיך צו שטאַרק ענטוויקעלט. די פּראָדוקציאָנס קרעפֿטען, וואָס געפֿינען זיך אין דעם רשות פֿון דער בורזשואַזיע קענען שוין מעהר ניט העלפֿען

וואַקסען די אייגענטהומס בעציהונגען; פערקעהרט, דיזע קרעפטען זיינען
געוואָרען צו מעכטיג פיר די בעציהונגען, זייערע ענטוויקלונג ווערט
געשטערט דורך די בורזשואַזע בעציהונגען. די פראָדוקטיווע קרעפ-
טען, וועלענדיג בעזייטיגען די שטערונגען, טראָגען אַריין אַין אונ-
אָרדנונג אין די גאַנצע בורזשואַזע געזעלשאַפט, זיי ווערען געפעהרליך
פיר די עקזיסטענץ פון בורזשואַזע אייגענטהום. די בעציהונגען אין
דעם בורזשואַזען אָרדנונג זיינען געוואָרען צו אייִנג און קענען ניט
אַריינעמען אין זיך די רייכטהימער, וואָס זיי האָבען בעשאַפען...
אויף וועלכען אופן קומט די בורזשואַזיע ביי די קריזען? פון איין
זייט דורכדעם, וואָס זי איז געניטיגט צו פערניכטען איין מאַססע
פראָדוקטיווע קרעפטען, פון אַנדערען זייט דורך די ערָאָבערונג פון
נייע מערק און איין האַפטיגערע עקספּלואַטאַציאָן פון די פריהערדיגע.
מיט אַזאַ פיהרונג גרייט זי פיר זיך נייע גרעסערע קריזען און פער-
קלענערט די מיטלען, וואָס קענען דינען זיך צו פערהיטען
פון זיי. דאָס געוועהר, מיט וועלכען די בורזשואַזיע האָט געבראַכט
צו אַש דעם פעאָדאַליזמוס, ווערט געווענדעט יעצט געגען איהר
אַליין. אָבער די בורזשואַזיע האָט ניט נור אַליין אויסגעשמידט דאָס
געוועהר, וועלכע וועט איהר פערניכטען צום טויט; זי האָט אויך
געבאָרען די מענשען, וועלכע וועלען ווענדען געגען איהר דאָס
געוועהר — די אַרבייטער פון אונזער צייט, די פראָלעטאַריער. אין
די זעלבע מאָס, ווי עס ענטוויקעלט זיך די בורזשואַזיע, ד. ה. דער
קאַפּיטאַל, ענטוויקעלט זיך אויך דער פראָלעטאַריאַט, דער קלאַס
פון היינטיגע אַרבייטער, וועלכע עקזיסטירען נור אַזוי לאַנג, ווי
זייער אַרבייט פערגרעסערט דעם קאַפּיטאַל. דיזע אַרבייטער, וואָס
זיינען געניוט זיך פערקויפען פון שטיק, זיינען אַ סחורה, אַזוי ווי
יעדער אַנדערער האַנדעלסזאַך, און דעריבער היינגען זיי
אָפּ אַזוי ווי די לעצטע פון יעדער צופעליגקייט אין דער קאָנקורענץ,
פון יעדער שוואַנקונג פון מאַרקט־פּרייסען, וואָס קומט פאָר אויף דעם מאַרק.

די אַרבייט פון די פראָלעטאַריער האָט דאַנק די פערברייטונג פון
די מאַשינען און די צוטיילונג פון דער אַרבייט, האָט פערלאָרען
יעדען זעלבסטשטענדיגען כאַראַקטער און זי ענטהאַלט אין זיך ניט
קיין זאַך, וואָס זאָל צוציהען דעם אַרבייטער. ער איז געוואָרען אַ טייל
פון מאַשין, און פון איהם פאָדערט זיך מעהר ניט ווי איינפאַכע
פראָסטע בעוועגונגען, וועלכע מען קען זיך גרינג אויסלערנען. דע-
ריבער דאַרף דער אונטערנעהמער אויסגעבען אויף זיינע אַרבייטער
נור דאָס, וואָס עס קאָסטען די לעבענסמיטלען, וואָס ער דאַרף

האָבען אום אויף צו האַלטען זיין לעבען און צו לאָזען נאָך זיך קינדער. נור יעדער סחורה, און דעריבער אויך פֿון דער אַרבייט, קאָסט אַזוי פֿיעל, וויפֿיעל עס קאָסטען די הוצאות, וועלכע מען דאַרף האָבען צו שאַפֿען די סחורה. דעריבער הויבט זיך די אַרבייטס לוין אויף אַזוי פֿיעל, אויף וויפֿיעל עס וואַקסען די אונאַנגענעהמקייט פון דער אַרבייט. נאָך מעהר, די אַרבייט ביי דעם אַרבייטער פֿערגרעסערט זיך אויף אַזוי פֿיעל, אויף וויפֿיל עס ווערט גרעסער די געברויך פֿון די מאַשינען אין דער פראָדוקציאָן און די צוטיילונג פֿון דער אַרבייט; דאָס דריקט זיך אויס אָדער אין די פֿערלייננגערונג פֿון אַרבייטסטאָג אָדער אין די גרעסערע אָנשטריינגונג ביי דער אַרבייט, אָדער אין די פֿערגיכונג פון די בעוועגונגען פֿון די מאַשינען א. ז. וו. די היינטיגע אינדוסטריע האָט געמאַכט פֿון די קליינע ווערקשטאַט, פֿון דעם אַמאָליגען בעל-מלאכה אַין גרויסע פֿאַבריק, פֿון אַיין אונטערנעהמער דעם קאַפּיטאַליסט. די אַרבייטער מאַססען, וואָס זיינען צונויפֿגעקוועטשט צוזאַמען אויף די פֿאַבריקען, ווערען אָרגאַניזירט ווי סאָלדאַטען. ווי פּראָסטע סאָלדאַטען אין דער אינדוסטריעלער אַרמיי, געפֿינען זיי זיך אונטער די קאָמאַנדע פֿון אַיין רעגעלמעסיג אָרגאַניזירטע קייט פֿון אונטעראָפֿיצירען, זיי זיינען קנעכט ניט נור ביי דער גאַנצער בורזשואַזיע, ביי דעם גאַנצער בורזשואַזער מלוכה; ניין, זיי געפֿינען זיך אַלע טאָג, אַלע ווייַלע אין די פֿערקנעכטונג ביי די מאַשין, ביי דעם אויפֿזעהער און פֿריהער פֿון אַלץ, פֿערשטייט זיך, ביי יעדען בורזשואַ—פֿאַבריקאַנט בעזונדער. וואָס דער דעספּאָטיזמוס ווערט קליינליכער, וואָס אָפֿענער ער ערקלערט דאָס אָנלעבען פֿון געלד, אַלס זיין ענד ציעל, אַלץ מעהר האַס און פֿערעסענקייט רופֿט ער צו זיך אַרויס. וואָס ווייניגער געשיקטקייט און פֿהיזישען כח פֿאָדערט די האַנדאַרבייט ד. ה. וואָס מעהר עס ענטוויקעלט זיך די היינטיגע פראָדוקציאָן, אַלץ מעהר ווערט די מאַנסבילשע אַרבייט אַרויסגעשטופּט פֿון פֿרויען-אַרבייט. דער אונטערשיעד אין מין און עלטער האָבען יעצט פֿערלאָרען אין דער בעציהונג צום אַרבייטער קלאַס יעדער געזעלשאַפֿטליכע בעדייטונג. יעצט עקזיסטירען נור אַרבייטער אַלס געצייג, וועלכע נאָך זייער מין און עלטער, פֿאָדערען אַביסעל מעהר אָדער ווייניגער הוצאות.

אַז דער פֿאַבריקאַנט קוועטשט אַרויס פֿון דעם אַרבייטער אַלץ, וואָס עס איז מעגליך, און דער לעצטער בעקומט אַם ענדע זיין אַרבייטס לוין; דאַן ערסט וואַרפֿען זיך אויף איהם אַרויף אַנדערע טיילען פֿון דער בורזשואַזיע: דער בעלה"ב פֿון דירה, דער קרעמער דער מלוה א. ז. וו.

די קליינע אונטערנעהמער, די סוחרים און מלוים, האַנדווער־קער אונד פּויערים, די אַלע קלאַסען, וואָס זיינען ביז יעצט געווען די נידעריגע שיכטען פון דעם מיטעלקלאַס, ווערען פּראָלעטאַריער, טיילוויים צוליעב דעם, וואָס זייער קליינינקען קאַפּיטאַל איז ניט גענוג אויף צו פיהרען די פּראָדוקציאָן אין איין גרויסע פאָרם, און ער קען ניט אויס האַלטען די קאָנקורענץ מיט דעם גרויסען קאַפּי־טאַל, טיילוויים אויך דער פאַר, וואָס צוליב די נייע אופנים פון איסאַרבייטונג האָבען זייער אייגענע קענטשאַפט און גענימקייט אין גאַנצען פערלאָרען זייער ווערטה. אָט אַזוי ווערען פערפולט די רייהען פון דעם פּראָלעטאַריאַט פון אַלע קלאַסען פון דער בעפעלקערונג.

דער פּראָלעטאַריאַט גייט דורך פערשיעדענע שטופּען פון ענטוויקלונג. ער הויבט אָן איין קאַמפּף מיט דער בורזשואַזיע שוין פון דעם מאָמענט אָן ווי ער הויבט אָן צו עקזיסטירען. צו ערשט קעמפּפען די אַרבייטער איינציגוויים, נאָכהער פיהרען דעם קאַמפּף די אַרבייטער פון איין גאַנצען פאַבריק, און ענדליך פעראייניגען זיך די אַרבייטער פון דעם גאַנצען פּראָדוקציאָנס צווייג אין יענעם אָרט צום קאַמפּף געגען איינצעלנען בורזשואַ, וואָס עקספּלואַטירט זיי אונ־מיטעלבאַר. זיי לאָזען אַראָפּ זייערע פויסטען ניט אויף די בורזשואַזע בעדינגונגען פון דער פּראָדוקציאָן, נור אויך אויף די געצייג פון דער פּראָדוקציאָן גופא, זיי צובּרעכען די מאַשינען, פערניכטען אַלע געבראַכטע סחורות, וואָס קאָנקורירען אויף דעם מאַרק מיט די אָר־טיגע סחורה, זיי צינדען אונטער די פאַבריקען, זיי סטאַרעווען זיך אומצוקעהרען די פריהערדיגע לאַגע, וועלכע זיי האָבען פערנומען אין מיטעלאַלטער.

אויף דיזער שטופע שטעלען די אַרבייטער מיט זיך פאָר איין מאַססע, וואָס איז צושפּרייט איבער דעם גאַנצען לאַנד, און וואָס איז צושיידט צוליב די קאָנקורענץ. די מאַססענווייזע טהאַטען פון אַלע אַרבייטער צוזאַמען קומען פאָר ניט דערפאַר, וואָס זיי האָבען זיך זעלבסטשטענדיג פעראייניגט, נור דאָס רופט זיך אַרויס דורך די פעראייניגטע פּאָליטיק פון דער בורזשואַזיע, וועלכע מוז אויפהויבען דעם גאַנצען פּראָלעטאַריאַט כדי צו דערגרייכען איהרע אייגענע פּאָליטישע ציעלען.

זי קען דאָס נאָך דערוויל טאָהן. אויף דער שטופע, הייסט דאָס, קעמפּפען די פּראָלעטאַריער ניט מיט זייערע אייגענע שונאים, נור מיט די שונאים פון זייערע שונאים; מיט די רעשטעס פון דער

אַבסאָלוטער מאָנאַרכיע, מיט די ערדבעזיצער, מיט די ניט אינ-דוסטריעלע בורזשואַזיע, מיט די בעל הבתים.

אָט אַזוי איז די גאַנצע היסטאָרישע בעוועגונג פֿעראייניגט דערווייל אין די הענד פֿון דער בורזשואַזיע; יעדער נצחון, וואָס ווערט ערהאַלטען אויף אַזאַ אופֿן, איז אַ נצחון פֿון דער בורזשואַזיע. נור מיט דער ענטוויקלונג פֿון דער אינדוסטריע פֿערגרעסערט זיך דער פּראָלעטאַריאַט ניט נור אין צאָהל; עס פֿערגרעסערט זיך אויך די קראַפֿט פֿון דעם פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז פֿעראייניגט שטייף אין גרויסע מאַססען, און ער הויבט אָן צו פֿערשטיין זיין קראַפֿט.

די מאַשינען-פּראָדוקציאָן מאַכט אַלץ קלענער דעם חילוק צווישען פֿערשיידענע פֿאָרמען פֿון פֿאַבריק-אַרבייט און בריינגט כמעט אומעטום די אַרבייטס-לוין צו איין גלייכען נידעריגען צושטאַנד; דאָס בריינגט פֿון איהר זייט צו אַ גרעסערע אייסגלייכונג פֿון די אינטע-רעססען און די תנאים פֿון עקזיסטענץ ביי דעם אַרבייטער. די וואַק-סענדע קאָנקורענץ ביי די מיטגלידער פֿון די בורזשואַזיע גופא און די האַנדעלס קריזען, וואָס קומען אַרויס דערפֿון, פֿערגרעסערען די אונזיכערהייט פֿון דעם אַרבייטערס געהאַלט, די אונאויפֿהערליכע פֿערבעסערונג פֿון די מאַשינען, וואָס גייט וואָס ווייטער אַלץ גיכער, מאַכט די לאַגע פֿון דעם אַרבייטער אַלץ וויניגער גאַראַנטירט; די צוזאַמענשטויסונגען פֿון דעם איינצעלנעם אַרבייטער מיט דעם איינ-צעלנעם בורזשואַ נעמט אָן איין כאַראַקטער פֿון איין צוזאַמענשטויסונג צווישען צוויי געזעלשאַפֿטליכע קלאַסען, די אַרבייטער הויבען אָן צו בילדען פֿעראיינען געגען די בורזשואַזיע; זיי פֿעראייניגען זיך כדי צו בעשיצען זייער אַרבייטס-לוין, זיי ריכטען איין אַפֿילו שטענדיגע אַססאָציאַציאָנען, כדי צו בילדען איין פֿאָנד אין דעם פֿאַל, ווען זיי וועט אויסקומען צו שטעלען זיך געגען זייערע עקספּלואַטאַטאָרען. ערטערווייס גייט איבער דער קאַמפּף אין איין אָפֿענעם ווידער-שטאַנד זאָגאַר.

פֿון צייט צו צייט ערהאַלטען די אַרבייטער איין נצחון, נור ניט אויף לאַנג. די רעזולטאַטען פֿון דעם קאַמפּף בעשטייען איינגענטליך ניט אין די אונמיטעלבאַרע נוצען, נור איבערהויפּט אין די פֿעראייניגונג פֿון די אַרבייטער, וואָס פֿערכאַפּט אַלץ גרעסערע קרייזען. דאָס ווערט פֿערגרינגערט אפילו דורך די מיטלען פֿון פֿער-קעהר, וואָס די גרויסע אינדוסטריע האָט בעשאַפֿען, און וואָס גיבען די מעגליכקייט די אַרבייטער פֿון אַלע ערטער אַריינגיין אין בעריה-רונג איינע מיט די אַנדערע. און מעהר ווי דאָס דאַרף מען ניט, אַז דער

אַרטיגער קאַמפף, וואָס טראָגט אומעטום דעם זעלבען כאַראַקטער זאָל ווערען אַיין נאַציאָנאַלער קלאַססען-קאַמפף. אָבער יעדער קלאַס-סען קאַמפף איז אַיין פּאָליטישער קאַמפף. און די פֿעראֵייניגונג, וואָס האָט געדאַרפֿט ביי די מיטעלאָלטערישע בירגער מיט זייערע שמאָ-לינקע קרומע וועגעלעך דויערען הונדערטער יאָהרען, ווערט ביי די היינטיגע פּראָלעטאַריער מיט דעם הילף פֿון די אַייזענבאַהנען אין עטליכע יאָהר.

דיזע אָרגאַניזירונג פֿון די פּראָלעטאַריער אין אַיין קלאַס, און צוזאַמען מיט דעם אין אַיין פּאָליטישע פּאַרטיי, ווערט אָפּט ווייטער צופֿאַלען אונטער די ווירקונג פֿון דער קאָנקורענץ צווישען די אַר-בייטער גופֿא. נור זי לעבט ווייטער אויף נאָך שטאַרקער, נאָך מעכטיגער, ווי פֿריהער. אויסנוצענדיג די ספאָרקעס פֿון די בורז-שואַ צווישען זיך, דערשלאָגען זיי זיך, אַז אֵיניגע אינטערעסען פֿון דעם אַרבייטער ווערען אָנגענומען דורך דעם געזעץ, ווי צום ביישפּ. דער ניינשעה'דיגער געזעץ אין ענגלאַנד. אין אַלגעמיין זיינען די צוזאַמענשטויסונגען צווישען בעזונדערע טיילען פֿון דער אַלטער גע-זעלשאַפֿט זייער גינסטיג פֿיר דעם ענטוויקלונגס-פּראָצעס פֿון דעם פּראָלעטאַריאַט.

די בורזשואַזיע געפֿינט זיך די גאַנצע צייט אין אַיין קריעגס-צושטאַנד: צום אָנפֿאַנג פֿיהרט זי אַיין קאַמפף מיט דער אַריסטאָק-ראַטיע, נאָכהער מיט דער טייל פֿון דער בורזשואַזיע גופֿא, פֿיר וועלכע עס לויענט ניט די ענטוויקלונג פֿון גרויס-פּראָדוקציאָן; חוץ דעם, פֿיהרט זי נאָך אַיין אונאויפֿהערליכען קאַמפף מיט די בורזשואַזיע קלאַסען פֿון אַלע אויסלענדישע פֿעלקער. יעדען מאָל איז זי געצוואונגען זיך ווענדען צו דעם פּראָלעטאַריאַט, בעטען ביי איהם הילף, און דורך דעם אַריינציהען איהם אין דעם שטראָם פֿון דער פּאָליטישער בעוועגונג. זי פּלאַנצט אַליין אַיין אויף אַזאַ אופֿן ביי דעם פּראָלעטאַריאַט די גרינדע פֿון איהר אֵייגענער פּאָליטישער ענט-וויקלונג, ד. ה. זי גיט איהם אין האַנד אַיין געוועהר געגען זיך אַליין.

חוץ דעם, ווי מיר האָבען געזעהן, צוזאַמען מיט די ענטוויקלונג פֿון דער אינדוסטריע ווערען פּראָלעטאַריזירט, אָדער אַמווייניגסטענס שטעהען אין געפֿאַהר צו פֿערלירען די קוואַלען פֿון זייערע הכנסות גאַנצע גרופּען פֿון דעם הערשענדען קלאַס. זיי האָבען אויך פֿיר דעם פּראָלעטאַריאַט אַיין גרויסע ערציהענדע ווירקונג. אַם ענדע, צו יענער צייט, ווען דער קלאַסענקאַמפף איז שוין נאָהענט צו זיין סוף, ווערט דער פּראָצעס פֿון צופֿוילונג פֿון דעם הערשענדען קלאַס

אַזוי שטרעמיג, ער וואַרפט זיך אַזוי שטאַרק אין די אויגען, אַז אַ־ין געוויסע טייל פון דעם רעגירענדען קלאַס ענטזאַגט זיך פון איהם, און שטייט צו צו דעם רעוואָלוציאָנערען קלאַס, וועלכען עס געהערט דער צוקונפט. אַזוי ווי פריהער איז אַ טייל פון דער פאַמיליענאַרים־טאָקראַטיע, צוליעב די זעלבע סבה, אַריבערגעגאַנגען צו דער בורזשואַזיע, אַזוי גייט יעצט איבער צו דעם פּראָלעטאַריאַט אַיין טייל בורזשואַזיע און נעמליך די טייל בורזשואַ־דיינקער, וועלכע האָט זיך דערהויבען ביז דעם טעאָרעטישען פערשטאַנד פון דעם גאַנצען גאַנג פון דער היסטאָרישער בעוועגונג.

פון אַלע קלאַסען, וואָס שטעהען יעצט נעגען דער בורזשואַזיע איז נור דער פּראָלעטאַריאַט דער אמת־רעוואָלוציאָנערער קלאַס. די אַלע איבעריגע קלאַסען ווערען אויסגעדאַרט און גייהען אונטער מיט די ענטוויקלונג פון גרויס פּראָדוקציאָן, דעם פּראָלעטאַריאַט אָבער האָט זי געבאָרען און אויסגעהאָדעוועט.

די גרופּפען בעפעלקערונג, וואָס געהערען צום מיטעל קלאַס, די קליינע אונטערנעהמער, קליינע סוחרים, האַנדווערקער, פּויערים, אַלע פיהרען זיי אַיין קאַמפּף מיט דער בורזשואַזיע, וועלענדיג אַיינ־האַלטען זייער עקזיסטענץ אַלס אַמיטעל קלאַס. דעריבער זיינען זיי ניט רעוואָלוציאָנער, נור קאָנסערוואַטיוו. נאָך מעהר, זיי זיינען רע־אַקציאָנער, ווייל זיי שטרעבען צו דרייען אויף צוריק די ראָד פון דער געשיכטע. פון זיי זיינען נור רעוואָלוציאָנער יענע, וועלכע זיינען דורכגעדרונגען מיט דעם געדאַנק, אַז זיי קומט אויס אַריבער צוגיין אין די רייהען פון דעם פּראָלעטאַריאַט, און דאַן פערטהיידיגען זיי ניט די אינטערעסען פון זייער געגענוואַרט, נור פון זייער עתיד, זיי פערלאָזען זייער אייגענעם שטאַנדפּונקט, זיי שטעלען זיך אויף דעם שטאַנדפּונקט פון דעם פּראָלעטאַריאַט.

דער לומפּענפּראָלעטאַריאַט, דיזער פּראָלעטאַריאַט, וואָס בעקומט זיך פון די צופאַלונג פון די פסולת פון דער אַלטער געזעלשאַפט, ווערט ערטערווייס אַריינגעצויגען אין די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג; אָבער די גאַנצע אַטמאָספערע, אין וועלכע זיי לעבען, איז פיעל גינסטיגער אויף צו פערקויפען זיך אויף פערשיידענע רע־אַקציאָנערע אינטריגעס.

די לעבענסבעדינגונגען פון דעם פּראָלעטאַריאַט האָבען פער־ניכטעט די לעבענס בעדינגונגען פון דער אַלטער געזעלשאַפט. דער פּראָלעטאַריאַט האָט קיין אייגענטהום, זיינע בעציהונגען צו זיין פאַ־מיליע און צו זיינע קינדער איז אַיין אַנדער ווי דער בורזשואַזער

פֿאַמיליען לעבען. די יעצטיגע אינדוסטריעלע אַרבייט, דער יאָך פֿון היינטיגען קאַפּיטאַליזמוס. וואָס איז גלייך אומעטום ווי אין ענגלאַנד, אַזוי אין פֿראַנקרייך, אַזוי אין אַמעריקאַ, האָט אָראָפּגעריבען פֿון איהם יעדען נאַציאָנאַלען כאַראַקטער. געזעצען, זיטליכקייט, רעליגיאָן, זיינען פֿיר איהם מעהר ניט אַיין רייהע בורזשואַזע אַלטע בעגריפֿען, הינטער וועלכע עס בעהאַלט זיך אַיין רייהע בורזשואַזע אינטערעסען.

אַלע קלאַססען, וואָס האָבען ביז יעצט דערגרייכט די הערשונג פֿלעגען זעהן פֿערזיכערען פֿיר זיך די געזעלשאַפֿטליכע לאַגע, וועלכע זיי האָבען פֿערנומען. זיי האָבען גענויטיגט די גאַנצע געזעלשאַפֿט אָנצונעהמען די תנאים, וועלכע זיינען געווען גינסטיג דערויף, אַז זיי אַליין זאָלען קענען וואָס מעהר אָנלעבען. די פּראָלעטאַריער אָבער וועלען בעקומען די מעגליכקייט אַריינצונעהמען די געזעלשאַפֿטליכע פּראָדוקציאָנס קרעפֿטען נור דאַן, ווען זיי וועלען בעזייטיגען זייערע אייגענע אופנים, ווי אָנצולעבען פֿערמעגען, ווי בכלל די אַלע מיטלען צו דערצו וואָס האָבען עקזיסטירט ביז יעצט.

די פּראָלעטאַריער האָבען ניט וואָס צו פֿערשטאַרקען, פֿער-קעהרט זיי דאַרפֿען צושטערען אַלע פֿאָרמען, אין וועלכע עס ווערט אָנגעקליבען פּריוואַט-אייגענטהום, און אַלע בעדינגונגען, וואָס פֿער-זיכערען, אַז די אייגענטהום זאָל קענען אייגנעהאַלטען ווערען.

אַלע געזעלשאַפֿטליכע בעוועגונגען זיינען ביז יעצט געווען בעוועגונגען אין די אינטערעסען פֿון דעם מיעוט, אָדער זיינען ענט-שטאַנען אין די אינטערעסען פֿון דער מינדערהייט. נור די פּראָלעטאַרישע בעוועגונג איז אַיין זעלבסטשטענדיגע בעוועגונג פֿון אַיין דרינגענדע מעהרהייט, און איז אין די אינטערעסען פֿון דעם גרעסטען טייל פֿון דער מענשהייט.

ווען ניט נאָך דעם אינהאַלט, איז אָבער נאָך זיינע פֿאָרמען טראָגט צום אָנפֿאַנג דער קאַמפּף פֿון דעם פּראָלעטאַריאַט געגען דער בורזשואַזיע אַיין נאַציאָנאַלען כאַראַקטער. דער פּראָלעטאַריאַט פֿון יעדער לאַנד דאַרף, פֿערשטייט זיך פֿריהער פֿון אַלץ צורעכט ווערען מיט זיין אייגענע בורזשואַזיע.

אָנווייזענדיג די וויכטיגסטע ענטוויקלונגס שטופֿען פֿון דעם פּראָלעטאַריאַט האָבען מיר נאָכגעזעהען אַיין מעהר אָדער וויניגער בעהאַלטענע בירגערקריעג אין דער יעצטיגער געזעלשאַפֿט. מיר האָבען דאָס נאָכגעקוקט ביז דעם פּונקט, ווען דער קריעג פֿלאַקערט זיך פֿאַנאַנדער אין אַיין אָפֿענע רעוואָלוציאָן, און דער פּראָלעטאַריאַט

לייגט די גרונדשטיינער פֿון זיין הערשונג, אַראָפּוואַרפֿענדיג מיט
געוואַלט די בורזשואַזיע.

ווי מיר האָבען געזעהן איז יעדער געזעלשאַפֿט, וואָס האָט
עקזיסטירט ביז יעצט, געווען געגרינדעט אויף די ווידערשפּרוכען
צווישען די אונטערדריקטע און דריקענדע קלאַסען. נור כדי צו האָבען
די מעגליכקייט צו דריקען אָן וועלכען עס איז קלאַס, דאַרפֿען די
דריקער פֿערזאָרגען אַזוינע בעדינגונגען, ביי וועלכע דער אונטער-
דריקטער קלאַס זאָל קענען דערהאַלטען חאָץ זיין קיום, אַלס איין
שקלאַף. דער האַלבפֿערקנעכטעטער פּויער אין פּאַנשציזנע האָט זיך
דערשלאָגען צו ווערען איין מיטגליעד פֿון איין דאָרפֿס-קהלה, די
זעלבע זאַך איז פֿון דעם בירגער אונטער דעם דרוק פֿון דער פֿעאָדאַ-
לער זעלבסטהערשונג אויסגעוואַקסען אַ בורזשואַ. פֿערקעהרט,
דער היינטיגער פּראָלעטאַריער אָנשטאָט צו פֿערבעסערען זיין לאַגע
צוזאַמען מיט דעם פּראָגרעס פֿון דער אינדוסטריע, לאָזט זיך אַראָפּ
אַלץ נידעריגער אונטער דעם סכום לעבענסמיטלען, וועלכע גאַראַנ=
טירען די עקזיסטענץ פֿון זיין קלאַס. דער אַרבייטער ווערט איין
שלעפּער; די שלעפּעריי ענטוויקעלט זיך שנעלער, ווי די בעפֿעלקערונג
און די רייכטהום. דאָס ווייזט קלאָר אַרויס, אַז די בורזשואַזיע איז
מעהר ניט פֿייהיג צו בלייבען דער הערשענדער קלאַס און צו נוי-
טען די גאַנצע געזעלשאַפֿט צו ערקענען אַלס אַ אויבערגעזעץ די
בעדינגונגען, וועלכע זי דאַרף האָבען פֿיר איהר קיום. זי איז ניט
פֿייהיג צו רעגירען דערפֿאַר, ווייל זי קען ניט פֿערזיכערען איהרע
קנעכט די מעגליכקייט צו עקזיסטירען אין איין קנעכטישע לאַגע,
ווייל זי מוז זיי בריינגען צו אַזוינע לעבענסבעדינגונגען, ביי וועלכע
זי מוז זיי ערנעהרען, אָנשטאָט דעם, זיי זאָלען איהר ערנעהרען.
אויב די בורזשואַזיע וועט בלייבען הערשען, קען די געזעלשאַפֿט
מעהר ניט עקזיסטירען, און דאָס הייסט אַז די געזעלשאַפֿט קען ניט עק=
זיסטירען צוזאַמען מיט די עקזיסטענץ פֿון דער בורזשואַזיע.

די הויפּט בעדינגונג פֿיר די עקזיסטענץ און הערשונג פֿון
די בורזשואַזיע איז דאָס צוזאַמענקלייבען פֿון פֿיעלע רייכטהימער אין
פּריוואַטע הענד, די אויסבילדונג און די פֿערמעהרונג פֿון קאַפּיטאַ-
לען; דער קאַפּיטאַל קען עקזיסטירען נור מיט דעם תנאי, אַז עס
וועלען עקזיסטירען געדונגענע אַרבייטער.

לוין=אַרבייט גרינדעט זיך דורכאויס אויף די קאָנקורענץ פֿון
די אַרבייטער צווישען זיך. דער פּראָגרעס פֿון דער אינדוסטריע,
וואָס די בורזשואַזיע איז זיין ניטווילענדיגער און געהאָרכזאַמער

טרעגער, רוקט אַרויס אָנשטאָט די בעזונדערטקייט פֿון די אַרבייטער, וואָס קומט אַרויס צוליב די קאָנקורענץ, זייער רעוואָלוציאָנערע פֿעראייניגונג דורך פֿעראייניגען און פֿערבאַנדען. דאָס ווייזט אַז מיט די ענטוויקלונג פֿון גרויסע אינדוסטריע גייט אונטער אונטער די פֿיס פֿון די בורזשואַזיע דער באָדען, אויף וועלכען עס איז געבויט איהר פּראָדוקציאָן און די מעגליכקייט צו צונעמען פֿיר זיך די פּראָדוקטען. זי שאַפֿט פֿיר זיך פֿריהער פֿון אַלץ איהרע אייגענע קבְרָנים. איהר אונטערגאַנג און דער נצחון פֿון דעם פּראָלעטאַריאַט זיינען ביידע אויף איין גלייכען אופן אונפֿערמיידליך.

II.

די פּראָלעטאַריער און די קאָממוניסטען.

אין וועלכע בעציהונגען שטייען די קאָממוניסטען צו די פּראָלעטאַריער אין אַלגעמיין?

די קאָממוניסטען זיינען ניט קיין בעזונדערע פּאַרטיי אַנטקעגען אַנדערע אַרבייטער-פּאַרטייען.

זיי האָבען ניט קיינע אַנדערע אינטערעסען, ווי די אינטערעסען פֿון דעם גאַנצען פּראָלעטאַריאַט.

זיי שטעלען ניט אַרויס קיין בעזונדערע פּרינציפּען, צו וועלכע זיי וואָלטען וועלען צופּאַסען די פּראָלעטאַרישע בעוועגונג.

די קאָממוניסטען אונטערשיידען זיך פֿון אַנדערע פּאַרטייען נור מיט דעם, וואָס אין דעם קאַמפּף פֿון פּראָלעטאַריער פֿון פֿערשיעדענע נאַציאָנען רוקען זיי אַרויס פֿאָראויס פֿון איין זייט און בעמיהען זיך, אַז עס זאָלען מְנַצֵחַ זיין די אַלגעמיינע אינטערעסען פֿון דעם גאַנצען פּראָלעטאַריאַט, צו וואָס פֿיר איין נאַציאָנאַליטעט ער זאָל ניט געהערען. פֿון דער צווייטער זייט אונטערשיידען זיי זיך מיט דעם, וואָס אויף די פֿערשיידענע ענטוויקלונגס פּונקטען, דורך וועלכע עס גייט דורך דער קאַמפּף צווישען פּראָלעטאַריאַט און בורזשואַזיע, טרעטען זיי אַלע מאָל אַרויס צו פֿערטיידיגען די אינטערעסען פֿון דער גאַנצער בעוועגונג בכלל.

בכן, זיינען די קאָממוניסטען די ענטשלאָסענסטע טייל פֿון די אַרבייטער פּאַרטייען פֿון אַלע לענדער, וואָס שטרעבט אַלץ ווייטער

און ווייטער; אין טעאָרעטישען הינזיכט האָבען זיי די מעלה פֿיר די איבעריגע מאַססען פֿון פּראָלעטאַריאַט, וואָס פֿיר זיי זיינען קלאָר די בעדינגונגען, דער ענטוויקלונגס־גאַנג און די אַלגעמיינע רעזולטאַטען פֿון דער אַרבייטער בעוועגונג.

די נאָהענטסטע ציעל פֿון די קאָממוניסטען איז די זעלבע, וואָס ביי די איבעריגע פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען: פֿעסט פֿעראייניגען דעם פּראָלעטאַריאַט אין איין קלאַס, אַראָפּ וואַרפֿען די בורזשואַזיע און עראָבערען די פּאָליטישע מאַכט דורך דעם פּראָלעטאַריאַט.

די טעאָרעטישע גרונדלאַגען פֿון די קאָממוניסטען שטיצען זיך בשום אופֿן ניט אויף די אידעען און די פּרינציפּען, וואָס זיינען ענטדעקט אָדער ערפֿונדען פֿון וועלכען עס איז בעל-חלומות, וואָס וויל אַראָפּברייננגען דעם גן-עדן אויף דער וועלט.

זיי זיינען מעהר ניט דער אויסדריק פֿון די ממש'דיגע בעציהונגען פֿון דעם קלאַססען-קאַמפּף, וואָס עקזיסטירט אין דער ווירקליכקייט, פֿון דער היסטאָרישער בעוועגונג, וואָס וויקעלט זיך פֿערנאַנדער פֿאַר אונזערע אויגען.

אַלע בעציהונגען פֿון אייגענטהום האָבען זיך היסטאָריש שטענדיג געביטען, האָבען געהאַט שטענדיגע איבערקעהרענישען אין דער געשיכטע.

צום ביישפּיל די פֿראַנצויזישע רעוואָלוציאָן האָט פֿערניכטעט די פֿעאָדאַלע אייגענטהום לטובת דער בורזשואַזיע. דער שטריך, כיט וועלכען דער קאָממוניזמוס אונטערשיידעט זיך, איז די פֿערניכ־טונג ניט פֿון אייגענטהום אין אַלגעמיין, נור פֿון בורזשואַזע אייגענטהום.

אָבער די היינטיגע בורזשואַזע פּריוואַטאייגענטהום איז די לעצטע און פֿאָלע אויסדריק פֿון אַזאַ אויסאַרבייטונג און צוטיילונג פֿון די פּראָדוקטען, וואָס זיינען געגרינדעט אויף קלאַסען-ווידערשפּרוכען, אויף עקספּלואַטאַציאָן פֿון איין מענשען דורך דעם אַנדערען.

אין דעם פֿאַל קענען די קאָממוניכטען קורץ אַרויס זאָגען זייער טעאָריע אין אַפּאָר ווערטער: די פֿערניכטונג פֿון פּריוואַטאייגענטהום.

אונז, קאָממוניסטען, האָט מען געמאַכט דעם פֿאָרוואורף, אַז מיר ווילען פֿערניכטען די אייגענטהום, וואָס איז פֿערהאָרעוועט מיט אייגענע פּראַצע, וועלכע איז דער פֿונדאַמענט פֿון יעדער פּערזענליכע פֿרייהייט און זעלבסטשטענדיגקייט.

פֿערהאָרעוועטע אייגענטהום, וואָס איז אָנגעלעבט פּער־זענליך, דורך אייגענע מיהע! אויב איהר רעדט וועגען די קליינביר־

געדליכע, קליינפּויערשע אייגענטהום, וואָס האָט עקזיסטירט פאַר די בורזשואַזע, האָבען מיר שוין ניט וואָס צו פערניכטען; איהר האָט שוין פערניכטעט און פערניכטעט נאָך יעדען טאָג די ענטוויקלונג פון דער אינדוסטריע. אָדער אפשר רעדט איהר דאָס וועגען היינטיגע בורזשואַזע פריוואַטאייגענטהום, אָבער צו דען בעשאַפט די געדונגענע אַרבייט, די אַרבייט פון דעם פּראָלעטאַריער, אַ וועלכען עס איז אייגענטהום? בשום אופן ניין! די אַרבייט בעשאַפט דעם קאַפּי־טאַל, ד. ה. אַזאַ אייגענטהום, וואָס עקספּלואַטירט די לוין-אַרבייט, וואָס קען זיך פערגרעסערען נור מיט דעם תנאי, ווען זי וועט בעשאַפען נייע געדונגענע אַרבייט, כדי פון דאָס ניי איהר צו עקספּלואַטירען. די אייגענטהום אין איהר יעצטיגען אויסזעהן איז געגרינדעט אויף דעם ווידערשפּרוך צווישען קאַפּיטאַל און לוין-אַרבייט.— לאָמיר פערנאַנדער קוקען דיביידע זייטען פון ווידערשפּרוך.

זיין אַיין קאַפּיטאַליסט הייסט ניט נור האָבען אַיין ריין פּערזענליכע שייכות צו דער פּראָדוקציאָן, נור אויך אַיין געזעלשאַפטליכע.

דער קאַפּיטאַל שטעלט פאָר אַיין געזעלשאַפטליכע אַרבייט, און קען געברויכט ווערען נור דאַן, ווען עס אַרבייטען צוזאַמען פיעל מיטגלידער, מען קען אפילו זאָגען, אַז סוף כל סוף, ווען עס אַרבייטען צוזאַמען אַלע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט. בכן, איז דער קאַפּיטאַל ניט קיין פּערזענליכע, נור אַיין געזעלשאַפטליכע קראַפט. אַזוי זעהט מען, אויב דער קאַפּיטאַל וועט ווערען פערענדערט אין אַיין אַלגעמיינע אייגענטהום, וואָס וועט געהערען אַלע חברים פון דער געזעלשאַפט, וועט נאָך די פּריוואַט אייגענטהום ניט ווערען קיין געזעלשאַפטליכע. עס וועט זיך נור אומביטען דער געזעל־שאַפטליכער כאַראַקטער פון אייגענטהום, ער וועט פערלירען זיינע קלאַססען־שטריכען. לאָמיר יעצט איבערגיין צו דעם לוין-אַרבייט.

די מיטעלסטע פּרייז פון דער לוין-אַרבייט, דאָס איז די קלענסטע אַרבייטס-לוין, ד. ה. זי איז גלייך דעם צאָהל פון לעבענס בעדינגונגען, וועלכע איז נויטיג אונטערצוהאַלטען דעם אַרבייטערס לעבען, אַלס אַיין אַרבייטער. אַלזאָ, איז דאָס, וואָס דער אַרבייטער בעקומט פיר זיין אַרבייט, קלעקט נור אויף צו בעפרידיגען זיינע נויטיגסטע בעדערפעניסען. מיר וועלען אויף קיין פאַל ניט פערניכטען די פּערזענליכע אייגענטהום אויף דעם פּראָדוקט פון דער אַרבייט, וואָס דינט מעהר ניט אויף אונטערצוהאַלטען דעם לעבען, פון וועלכע עס בלייבט ניט קיין ריינע פערדינסט, וואָס זאָל געבען די

מאַכט אויף פֿרעמדע אַרבייט. מיר ווילען נור פֿערניכטען דעם ערני־דריגענדען כאַראַקטער פֿון דעם בעקומען אייגענטהום, צוליעב וועלכען דער ארבייטער לעבט נור אויף דערויף, כדי צו פֿערמעהרען דעם קאַפּיטאַל, נור אויף אַזוי פֿיעל, אויף וויפֿיעל דאָס איז נייטיג פֿיר די אינטערעסען פֿון דעם הערשענדען קלאַס. אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפֿט דינט די אַרבייט פֿון לעבעדיגען מענשען נור אויף צו פֿערמעהרען די אָנגעקליבענע אַרבייט, דעם קאַפּיטאַל, אין דער קאָממוניסטישער געזעלשאַפֿט איז די צונויפֿגעזאַמעלטע אַרבייט נור אַ מיטעל צו מאַכען דעם לעבען פֿון דעם אַרבייטער וואָס ברייטער, פֿולער און רייכער. אויף אַזאַ אופן איז די פֿערגאַנגענהייט אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפֿט וויכטיגער ווי די געגענוואַרט, אין דער קאָממוניסטישער איז די געגענוואַרט פֿערקעהרט, מעהר וויכטיג, ווי די פֿערגאַנגענהייט, אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפֿט איז דער קאַפּיטאַל זעלבסטשטענדיג און אינדיווידועלע אין דער צייט, ווען דער אַרבייטענדער אייגענקימער איז ניט זעלבסטשטענדיג און קען ניט אַרויסווייזען קיין אייגענעם געפֿיהל, קיין אייגענעם ווילען.

און די פֿערניכטונג פֿון אַזוינע בעציהונגען רופֿט אָן די בורזשואַזיע די פֿערניכטונג פֿון אינדיווידואַליטעט און פֿרייהייט! אַלס פֿרייהייט מיינט מען ביי היינטיגע פּראָדוקציאָנסבעציהונגען דעם פֿרייען האַנדעל, די פֿרייהייט פֿון קויפֿען און פֿערקויפֿען. אָבער מיט דער פֿערניכטונג פֿון האַנדלעריי בכלל ווערט פֿערשוואונדען אויך די פֿרייע האַנדלעריי. אַלע רייד וועגען פֿרייע האַנדלעריי, ווי אַלע איבעריגע קנאַקענדע פֿראַזען פֿון אונזער בורזשואַזיע וועגען פֿרייהייט, האָבען אַ זין, אַלס איין געגענזאַץ דער ניט פֿרייער האַנדלעריי און דעם פֿערקנעכטעטען בורזשואַ פֿון מיטעלאַלטער, און ניט בנוגע צו דער קאָממוניסטישער פֿערניכטונג פֿון הענדלעריי, פֿון בורזשואַזע פּראָ־דוקציאָנס פֿערהעלטניסע און פֿון דער בורזשואַזיע גופא.

עס נעמט אייך אָן איין שרעק פֿאַר דעם, וואָס מיר ווילען פֿערניכטען פּריוואַט־אייגענטהום; נור אין אונזער צייט איז שוין פּריוואַט אייגענטהום פֿערניכטעט פֿיר $^{9}/_{10}$ פֿון דער בעפֿעלקערונג; זי עקזיסטירט טאַקע דערפֿאַר, וואָס די $^{9}/_{10}$ האָבען איהר ניט.

איהר בעשולדיגט אונז, קומט אויס, אַז מיר ווילען מאַכען צו גאָרניט אַזאַ אייגענטהום, פֿיר וועלכע עס איז נייטיג, אַז די גרעסטע מעהרהייט פֿון דער געזעלשאַפֿט זאָל ניט האָבען קיין איי־גענטהום. קירצער, איהר וואַרפֿט אונז אויף, אַז מיר ווילען פֿער־ניכטען אייער אייגענטהום. יע, אָט דאָס ווילען מיר מאַכען...

איהר זאָגט, אז פֿון דעם מאָמענט אָן, ווען פֿון די ארבייט וועט מען מעהר ניט קענען מאכען קיין קאַפּיטאל, קיין געלד, קיין ערדאָבצאָהלונג. קורץ קיינע אזעלכע געזעלשאַפֿטליכע קראַפֿט, וועלכע זאָל קענען אריינגענומען ווערען אין איינצעלנע הענד, ד. ה. פֿון דעם מאָמענט, ווען מען וועט ניט קענען מאכען פֿון קיין פּריוואט־אייגענטהום א בורזשואזע אייגענטהום, פֿון יענעם מאָמענט אָן וועט ווערען פֿערניכטעט, נאָך אייערע ווערטער, די פּערזענליכקייט. איהר זייט זיך מודה אויב אזוי, אז איין פֿערזענליכקייט איז נור דער בורזשוא, דער בורזשואזער בעזיצער פֿון אייגענטהום. גאַנץ ריכטיג, אזא פּערזענליכקייט מוז פֿערשווינדען. דער קאָממוניזמוס שטערט קיינעם ניט צו נעמען פֿיר זיך די געזעלשאַפֿטליכע פּראָדוקטען, ער גיט נור ניט די מעגליכקייט צו פֿערקנעכטען יענעמס ארבייט דורך דעם. מען פֿלעגט ערווידערן, אז מיט דער פֿערניכטונג פֿון פּריוואט אייגענטהום וועט אויפֿהערען יעדע טהעטיגקייט, און עס וועט הערשען איין אלגעמיינע פֿוילקייט. אויב אזוי האָט דער בורזשואזער אָרדנונג לאנג געדאַרפֿט פֿאַלען, צוליב דעם, וואָס קיינער וויל ניט ארבייטען, ווייל דער, וואָס ארבייט יעצט, יענער בעקומט קיין זאך ניט, און דער, וואָס האָט א פֿערמעגען, יענער ארבייט ניט. די אלע שרעקענעש קען מען אויסדריקען מיט עהנליכע ווערטער: פֿון דער מינוט, ווי עס וועט אויפֿהערען צו עקזיסטירען דער קאַפּיטאל וועט אויפֿהערען צו עקזיסטירען די געדונגענע ארבייט.

אלע ערידערונגען, וואָס מען מאכט געגען דער קאָמוניסטישער פֿונאנדערטיילונג און אויסארבייטונג פֿון פּראָדוקטען, ווערען פֿערברייטעט דורך די בורזשואזיע אויך אויף בענוצען און אויסאַרבייטען פֿון די פּראָדוק־טען פֿון גייסטליכע שעפֿפֿונג. אזוי ווי פֿיר דעם בורזשוא איז די פֿערניכטונג פֿון קלאססענאייגענטהום גלייך ווי די פֿערניכטונג פֿון דער פּראָדוקציאָן אין גאַנצען, אזוי איז אויך פֿיר איהם די פֿערניכטונג פֿון קלאססען־בילדונג די זעלבע זאך, ווי די פֿערניכטונג פון בילדונג אין אלגעמיין.

די בילדונג, וואָס ער בעוויינט אַזוי איהר אונטערגיין, איז פֿיר איין גרויסע מעהרהייט איין מיטעל ווי צו ווערען איין מאשין. אָבער בעסער שפּארט אונז ניט איבער, אויסמעסטענדיג די פֿערניכטונג פֿון די בורזשואזע אייגענטהום מיט אייער מעסטל פֿון בורזשואזע בעגריפֿען וועגען פֿרייהייט, בילדונג, רעכט א. ז. וו. אייערע געדאנקען גופא זיינען מעהר ניט א פּרוכט פֿון אייערע בורזשואזע בעציהונגען פֿון פּראָדוקציאָן און אייגענטהום, אזוי ווי אייער רעכט איז מעהר ניט דער ווילענפֿין אייער קלאס, וואָס איהר מאכט פֿיר איין געזעטץ,

אײער ווילען, וואָס זײן אינהאַלט ווערט בעשטימט דורך די מאַטע-ריעלע לעבענס בעדינגונגען פֿון אײער קלאַסס.

פֿערענדערענדיג אײערע פּראָדוקציאָנס־און אײגענטהומס־בעציהונגען, וואָס בײטען זיך שטענדיג אין דער ענטוויקלונג פֿון אינדוסטריע, אין אומפֿערביטענע געזעצען פֿון דער נאַטור און פֿון דעם שׂכל, האַלט איהר זיך בײ דער זעלבער קורצזיכטיגער פֿאָרשטעלונג, וואָס האָבען געהאַט אַמאָל אַלע קלאַססען, וואָס האָבען פֿריהער געהערשט און וואָס זײנען יעצט אַראָפּ פֿון דער סצענע. דאָס, וואָס פֿיר אײך איז פֿערשטענדליך בנוגע צו די אַמאָהליגע אײגענטהום, דאָס וואָס איז פֿערשטענדליך אַנטקעגען די פֿעאָדאַלע אײגענטהום, דאָס קענט איהר שוין ניט פֿערשטײן, ווען עס רעדט זיך וועגען בורזשואַזע אײגענטהום.

די פֿערניכטונג פֿון דער פֿאַמיליע! אפילו די עקסטע ליבע-ראַלען רעגט אויף דיזער שענדליכער טהאַט, וועלכען עס ווילען אויפֿטהאָן די קאָממוניסטען. אויף וואָס זשע איז געגרינדעט די הײנ-טיגע בורזשואַזע פֿאַמיליע? אויפֿ'ן קאַפּיטאַל, אויף פּערזענליכע פֿערדינסט. אין איהר ענטוויקעלטער פֿאָרם עקזיסטירט זי נור פֿיר דען בורזשואַ; אײן צוגאָב צו איהר איז דאָס, וואָס דער פּראָלעטאַ-ריאַט מוז בלײבען אָן אײן פֿאַמיליע, און וואָס עס ענטוויקעלט זיך די עפֿענטליכע פּראָסטיטוציאָן. עס איז זעלבסטפֿערשטענדליך, אַז דער בורזשואַזער פֿאַמיליענלעבען וועט אויפֿהערען צו עקזיסטירען מיט דער פֿערניכטונג פֿון אָט דער צוגאָב זײנעם, און זײ בײדע וועלען ווערען פֿערניכטעט צוזאַמען מיט דער פֿערניכטונג פֿון קאַפּיטאַל.

איהר וואַרפֿט אונז אויף, אַז מיר ווילען, אַז עס זאָל נעמען אַ סוף צו דעם, וואָס די עלטערען עקספּלואַטירען זײערע קינדער. מיר זײנען זיך מודה און מתודה אין אַזוינע פֿערברעכענס.

אָבער איהר זאָגט, אַז פֿערבײטענדיג די הויזליכע ערציהונגען פֿון אונזערע קינדער מיט אײן געזעלשאַפֿטליכען, ווי דאָס ווילען די קאָממוניסטען, פֿערניכטען מיר די טײערסטע געפֿיהלען פֿיר דעם מענשען—דעם צובונד צו די קינדער. צו דען אָבער ווערט אײער ערציהונג אויך ניט בעשטימט דורך די געזעלשאַפֿט: דורך די גע-זעלשאַפֿטליכע בעדינגונגען, אין וועלכע איהר ערציהט זײ, דורך די אַרײנמישונג פֿון דער געזעלשאַפֿט אונמיטעלבאַר, אָדער מיט אײן אַרומיגען וועג, דורך די שול א. ז. וו.? די קאָממוניסטען קלערען ניט אויס די ווירקונג פֿון די געזעלשאַפֿט אויף די ערציהונג: זײ בײטען מעהר ניט אום דעם כאַראַקטער פֿון דער ווירקונג, זײ

בעפרייען די ערציהונג פון די ווירקונג פון דעם הערשענדען קלאַסס.

די בורזשואזע לאַנגע געשפרעכען וועגען דער פאַמיליע און די ערציהונג, וועגען הערצליכע פערהאַלטען זיך צווישען די עלטערן און די קינדער רופען אַרויס אַלץ אַ גרעסערען עקעל, וואָס מעהר דער ענטוויקלונגסגאַנג פון דער גרויספראָדוקציאָן צוררייסט צווישען דעם פראלעטאַריאַט די פאַמיליענפערבינדונגען און מאַכט פון די קינדער אַזאַך פון האַנדעל און איין אַרבייטסגעצייג.

„אָבער איהר, קאָממוניסטען ווילט איינפיהרען, אַז די ווייבער זאָלען זיין אַלעמענס״, שרייט די גאַנצע בורזשואַזיע איינשטימיג אויסער זיך.

דער בורזשוא זעהט אין זיין ווייב, נור איין אויסאַרבייטונגסגעצייג. ער הערט, אַז אַלע מיטלען פון דער פראָדוקציאָן דאַרפען ווערען אייסגענוצט פון דער גאַנצער געזעלשאַפט, און דעריבער ענשטייט ביי איהם נאַטירליך איין געדאַנק, אַז מיט די פרויען וועט אויך זיין דאָס זעלבע, אַז זיי וועלען אויך געהערען אַלעמען. ער איז אפילו ניט חושד, אַז מען רעדט אָט טאַקע וועגען דעם, אַז די פרוי זאָל מעהר ניט דאַרפען פערנעהמען די לאַגע פון איין געמיינעם מיטעל פון אויסאַרבייטונג. בכלל, עס איז מעהר ניט צו לאַכען איבער דעם זיטליכען שרעק פון אונזער בורזשוא פאַר די אָפיציעלע אַלגעמיינהייט פון פרויען ביי די קאָממוניסטען, וועלכע ער שטעלט זיך פאָר. די קאַממוניסטען דאַרפען דאָך גאָר ניט איינפיהרען, אַז די פרויען זאָלען געהערען אַלעמען. דאָס האָט דאָך שטענדיג עקזיסטירט. אונזערע בורזשואַ, ניט זיינענדיג בעפרידיגט מיט דעם, וואָס אין זייער רשות געפינען זיך די פרויען און די טעכטער פון די פראָלעטאַריער, (וועגען די אָפיציעלע פראָסטיטוציאָן איז שוין ניטאָ וואָס צו ריידען), געפינען נאָך איין בעזונדערען פערגעניגען אין דעם, וואָס זיי פאַרפיהרען די ווייבער איינער ביי דעם אַנדערען. דער בורזשואַזער חתונה-האָבען דאָס איז אין ווירקליכקייט איין אַלגעמיינהייט פון פרויען. די קאָממוניסטען אין ערגסטען פאַל האָט מען געקענט בעשולדיגען אין דעם, אַז אָנשטאָט איין פערשטעלטע אַלגעמיינהייט פון פרויען, וואָס ווערט צבוע'טיש פערמאַסקירט, ווילען זיי איינפיהרען איין אָפיציעלע און אָפענע אַלגעמיינהייט פון פרויען. גאָר, עס פערשטייט זיך פון זיך אַליין, אַז מיט די פערניכטונג פון די עקזיסטירענדע פראָדוקציאָנס בעציהונגען וועט ווערען פערשוואונדען די אַלגעמיינהייט פון פרויען, וואָס קומט פון דעם אַרויס, ד. ה. די אָפענע און פערדעקטע פראָסטיטוציאָן.

מען האָט נאָך די קאָממוניסטען בעשולדיגט אין דעם, וואָס זיי קלייבען זיך צו מאַכען צו גאָרנישט פֿון פֿאָטערלאַנד, נאַציאָנאַליטעט. די אַרבייטער האָבען ניט קיין פֿאָטערלאַנד. מען קען ביי זיי ניט אָפּנעהמען דאָס, וואָס זיי האָבען ניט.

דער פּראָלעטאַריאַט, וואָס דאַרף פֿריהער עראָבערן זיך די פּאָליטישע הערשאַפֿט, זיך דערהויבען ביז אַיין נאַציאָנאַלען קלאַס, זיך אַיינאָרדנען אין די נאַציאָן גופא, איז נאָך דערווייל נאַציאָנאַל, אָביוואָהל ניט אין דעם בורזשואַזען זין. מיט דער ענטוויקלונג פֿון דער בורזשואַזיע, מיט די פֿרייהייט פֿון האַנדעל, מיט דעם וועלט-מאַרק, אַיינאַרטיגקייט פֿון די פֿאָרמען פֿון די אינדוסטריעלע פּראָדוקציאָן און פֿון די פּאַסענדע תנאים פֿון עקזיסטענץ, מיט דעם אַלעם ווערען ניט די נאַציאָנאַלע אָפּגעזונדערטקייט און דער אַנטאָגאָניזמוס צווישען די פֿעלקער.

די הערשונג פֿון דעם פּראָלעטאַריאַט וועט נאָך פֿערגיכען זייער סוף. די פֿעראייניגטע טהעטיגקייט פֿון דעם פּראָלעטאַריאַט אין די ציוויליזירטע לענדער אַם ווייניגסטענס, איז איינע פֿון די וויכטיגסטע בעדינגונגען פֿון זיין בעפֿרייאונג. אויף אַזוי פֿיעל, אויף וויפֿיעל עס וועט ווערען פֿערקלענערט די עקספּלואַטאַציאָן פֿון אַיין קלאַס דורך דעם אַנדערען, אויף אַזוי פֿיל וועט אויך פֿערשווינדען די עקספּלואַטאַציאָן פֿון אֵיין נאַציאָן דורך די אַנדערע. צוזאַמען מיט די קלאַסען געגענזעצע אין די גרענעצען פֿון אֵיין נאַציאָן הערט אויף די פֿיינדליכע בעציהונג פֿון אֵיין נאציאָן צו דער אַנדערער. די בעשולדיגונגען, וואָס ווערען אַרויסגעזאָגט געגען קאָממוניזמוס פֿון רעליגיעזער, פֿילאָזאָפֿישער און אידעאָלאָגישער שטאַנדפּונקט זיינען ניט ווערט, מען זאָל זיך אויף זיי גענויער אָפּשטעלען.

צו דען דאַרף מען האָבען אַיין איינגעווייגליכע טיעפֿזינניגקייט צו פֿערשטיין, אַז צוזאַמען מיט די לעבענס-תנאים פֿון דער מענשהייט, מיט זייער געזעלשאַפֿטליכען לעבען, בייטען זיך אויך זייערע פֿארשטעלונגען, זייערע אַנשויאונגען און בעגריפֿען, מיט איין וואָרט, זייער גייסטיגע וועלט. וואס דען אַנדערש בעווייזט די געשיכטע פֿון אידעען, אויב ניט דאָס, אַז די פּראַדוקציאָן פֿון גייסטליכע רייכטימער בייט זיך צוזאַמען מיט דעם אופֿן פֿון פּראָדוקציאָן פֿון מאַטעריעלע פּראָדוקטען? די הערשענדע אידעען פֿון יעדער צייט זיינען אַלע מאָל געווען די אידעען פֿון דעם הערשענדען קלאַסס.

מען רעדט אָפֿטמאָל וועגען אידעען, וואָס רעוואָלוציאָניזירען

די גאנצע געזעלשאפט. אין דעם דריקט זיך אוים מעהר ניט דער פאַקט, אַז אין דער אַלטער געזעלשאַפט זיינען ענטשטאַגען עלעמענטען פֿון עפעס נייעס, אַז די צופֿאלונג פון די אַלטע לעבענס-בעדינגונגען געהט האַנד ביי האַנד מיט די פערשווינדונג פון די אַלטע אידעען. ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען די צופֿאַלונג פון דער אַלטער וועלט, זיינען די אַמאַליגע רעליגיאָנען געווען בעזיעגט דורך דעם קריסטענטום. ווען די אויפֿקלערונגסגעדאַנקען האָבען אין 18-טען יאָהרהונדערט געהאַט אַ נצחון איבער די אידעען פֿון קריסטענטום, האָט די פעאָדאַלע געזעלשאַפֿט געפֿיהרט איהר לעצטען קאַמפף מיט דער רעוואָלוציאָנערער בורזשואַזיע פון יענער צייט. די אידעען פֿון פֿרייהייט פון געוויסען און פון רעליגיאָן זיינען מעהר ניט געווען איין אויסדרוק פון די הערשאַפֿט פֿון פרייע קאָנקורענץ אין דער ווישענשאַפֿטסוועלט. אָבער, וועט מען זאָגען, די רעליגיעזע, מאָראַלישע, פֿילאָזאָפֿישע, פּאָליטישע, רעכטליכע און אַנדערע אידעען האָבען ווירקליך געביטען זייער אויסזעהן אין דעם גאַנג פֿון דער היסטאָרישער ענטוויקלונג, אַבער ביי די אַלע בייטונגען זיינען קיינמאָל ניט פערניכטעט געוואָרען די רעליגיאָן, מאָראַל, פֿילאָזאָפֿיע פּאָליטיק און רעכט גופא, חוץ דעם עקזיסטירען דאָך נאָך אייביגע וואַרהייטען, ווי פרייהייט, גערעכטיגקייט א. ז. וו., וואָס זיינען איינע פיר יעדען געזעלשאַפטליכען אָרדנונג. דער קאָממוניזמוס אָבער פֿערניכטעט די אייביגע וואַרהייטען, ער פֿערניכטעט די אייביגע וואַרהייטען, ער פֿערניכטעט די רעליגיאָן, די מאָראַל, אַנשטאַט זיי צוצוגעבען נייע פאָרמען. אויף אַזאַ אופן געפינט ער זיך אין אַ סְתִירָה מיט די אַלע ענטוויקלונגס פראָצעסען, וואָס מיר האָבען נאָכגעקוקט ביז יעצט". פון וואַנען קומט אַרוים דער בלבול? די בעוועגונגס קראַפֿט אין דער געשיכטע פֿון יעדער געזעלשאַפֿט, וואָס האָט עקסיסטירט ביז יעצט זיינען געווען די קלאַססענגעגענזעצע, וואָס האָבען אָנגענומען פֿערשידענע פֿאָרמען אין פֿערשידענע צייטען. אָבער וואָס פֿיר אַ פֿאָרמען זיי האָבען ניט אָנגענומען, איינס איז געווען גלייך ביי אַלעמען אין אַלע דורות, די עקספלואַטאַציאָן, די בעדריקונג פֿון איין טייל פון דער בעפעלקערונג דורך די אַנדערע. דאַריבער איז ניטאָ וואָס צו וואונדערען זיך איבער דעם, וואס דער געזעלשאַפטליכער בעוואוסטזיין אין אַלע יאָהר הונדערטען, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס זיי זיינען געווען אַזוי פערשיעדען, אַזוי אייגענאַרטיג, האָט זיך אויסגעגאָסען אין אַ בעשטימטע אַלגעמיינע פאָרם, אין אַזוינע פֿאָרמען פון בעוואוסטזיין, וואָס קענען פערשווינדען נור דאַן

ווען עס וועלען אין גאַנצען פערשווינדען די קלאַססען היפּוכים.

די קאָממוניסטישע רעוואָלוציאָן רייסט אָפּ איין מאָהל אויף אַלע מאָהל מיט די יעצטיגע פאָרם פון אייגענטום; עס איז זיך דעריבער ניטאָ וואָס צו וואונדערן, אויב זי פערלאָזט אין גאַנצען די פער-עלטערטע אידעען.

לאָמיר אָבער אַוועק לייגען אָן אַזייט די אָנפאַלען פון די בורזשואַזיע אויף דעם קאָממוניזמוס. מיר האָבען שוין פריהער געזעהען, אַז דער ערשטער טריט אין דער אַרבייטער-רעוואָלוציאָן איז די ערהויבונג פון דעם פּראָלעטאַריאַט אויף די שטופּפע פון איין הערשענדען קלאַסס, די עראָבערונג פון דער דעמאָקראַטיע. דער פּראָלעטאַריאַט וועט פערווענדען זיין פּאָליטישע הערשונג אויף דעם, כּדי ביסלעכווייז ארויסצורייסען ביי די בורזשואַזיע דעם גאַנצען קאַפּיטאַל, צוזאַמענקלייבענדיג אַלע פּראָדוקציאָנסמיטלען אין די הענד פון דער מלוכה, ד. ה. פון דעם פּראָלעטאַריאַט, וואָס וועט זיך איינאָרדנען אַלס איין הערשענדער קלאַסס, און כּדי וואָס גיכער צו פערגרעסערען די צאָהל פון די פּראָדוקטיווע קרעפטען.

פערשטייט זיך, אַז די ערשטע צייט קען דאָס פאָר-קומען נור דורך איין דעספּאָטישע אריינמישונג אין די אייגענטומס רעכט און אין די בורזשואַזע פּראָדוקציאָנס-בעציהונגען, ד. ה. מיט איינע מיטלען, וואָס דוכטען זיך פיר עקאָנאָמיש ניט גענוגע און אונזיכערע. זיי וואַקסען אָבער זיך אַליין איבער און זייער בעוועגונג אין זיינען אונפערמידליך אַלס מיטעל צו מאַכען איין איבער-קעהרעניש אין דעם גאַנצען אופן פון פּראָדוקציאָן.

פערשטייט זיך, אַז די מיטלען וועלען זיין פערשיידענע אין פערשידענע לענדער. פון דעסטוועגען אין די מעהר פּראָגרעסיווע לענדער קענען זיין אין אַלגעמיינע שטריכען אָנגעווענדעט פאָלגענ-דע מיטלען:

1) די עקספּראָפּריאַציאָן פון ערד בעזיץ און די געברויך פון די הכנסה פון די ערד אויף די הוצאות פון דער מלוכה.

2) איין הויכער וואַקסענדער אָבצאָהלונג אויף די הכנסה (למשל, 2 רובל פון 100 רובל, 15 רובל פון 500 רובל, 40 ר. פון 1000 א. ז. וו.)

3) די פערניכטונג פון רעכט צו ירושה'נען.

4) אָפּנעמען די אייגענטום פון אַלע עמיגראַנטען און בונ-טאָווישציקעס פיר די מלוכה.

5) פעראייניגען דעם קרעדיט אין די הענד פון דער מלוכה

דורך איין נאַציאָנאַלען באַנק מיט איין קאַפּיטאַל פון דער מלוכה און מיט איין אויסשליסליכע מאָנאָפּאָל.

6) פעראייניגען אַלע מיטלען פון פערקעהר און אַלע וועגען אין די הענד פון דער מלוכה.

7) פערגרעסערען די צאָהל נאַציאָנאַלע פאַבריקען, די געצייג פון פּראָדוקציאָן, בעאַרבייטען די ערד, אויפהייבען איהר פּרודוקטבאַרקייט נאָך איין אַלגעמיינעם פּלאַן.

8) איינפיהרען אַלגעמיינע, גלייכע אַרבייט, צו וועלכע אַלע זאָלען זיין מחויב, גרינדען אינדוסטריעלע אַרמעען בעזונדערס פיר אַרבייט.

9) די פעראייניגונג פון אינדוסטריעלע טהעטיגקייט און ערד-אַרבייט, אַננעמען מיטלען כדי צו פערניכטען די פערשידענהייט צווישען דאָרף און שטאָדט.

10) געזעלשאַפטליכע אומזיסטע ערציהונג פיר אַלע קינדער, אָפּשאַפען די פאַבריקאַרבייט אין איצטיגער אויסזעהן פיר אַלע קינדער. די פעראייניגונג פון דער ערציהונג מיט די אויסאַרבייטונג פון פּראָדוקטען פון געברויך.

ווען מיט דער צייט וועלען אונטערגיין די קלאַססען-פערשידענהייטען און די פּראָדוקציאָן וועט זיך צוזאַמענקלייבען אין די הענד פון פעראיינען, וועט די געזעלשאַפטליכע מאַכט אָנווערען איהר פּאָליטישען כאַראַקטער. די פּאָליטישע מאַכט איז אייגענטליך די אָרגאַניזירטע קראַפט פון איין קלאַסס, כדי צו אונטערטעניגען דעם אַנדערען. דער פּראָלעטאַריאַט אין זיין קאַמפּף מיט דער בורזשואַזיע מוז זיך נויטווענדיג פעראייניגען אין אַ קלאַסס, מוז ווערען דורך איין רעוואָליוציאָן דער הערשענדער קלאַסס און אַלס אַ זעלכער וועט ער צושטערען מיט געוואַלד די אַלטע פּראָדוקציאָנס-בעציהונגען. אָבער צוזאַמען מיט די פּראָדוקציאָנסבעציהונגען צושטערט טער אויך די תנאים, וועלכע זיינען נויטיג פיר די עקזיסטענץ פון קלאַססענגעגענזעצע, ער צושטערט קלאַססען אין אַלגעמיין און דערדורך אויך זיין קלאַסס. אַנשטאָט דער אַלטער בורזשואַזער געזעלשאַפט מיט איהרע קלאַססען און מיט די פיינדשאַפט צווישען די קלאַססען וועט ווערען געשאַפען איין פרייער פעראיין, אין וועלכען די פרייע ענטוויקלונג פון יעדער מיטגליעד וועט זיין נויטיג פיר די ענטוויקלונג פון אַלעמען צוזאַמען.

III.

סאציאליסטישע אונד קאממוניסטישע ליטעראטור.

1) דער רעאקציאנערער סאציאלזמוס.

א) דער פעאדאלער סאציאליזמוס.

די בעזונדערע אויפגאַבע פֿון די פֿראַנצויזישע און ענגלישע אַריסטאָקראַטיע, אַ דאַנק זייער היסטאָרישער לאַגע, איז בעשטאַנען אין שרייבען העץ=אַרטיקלען געגען דער יעצטיגער בורזשואַזער געזעלשאַפֿט. אין די רעוואָלוציאָן פֿון 1830 יאָהר אין פֿראַנקרייך, אין די ענגלישע רעפֿאָרמאַטאַרישע בעוועגונג איז זי געוועזן נאָך איין מאַל בעזיעגט פֿון דעם חוצפהדיגען פריץ, דעם יונגען קלאַסס.

וועגען איין ערענסטען פאָליטישען קאַמפף איז שוין ניט געוועזן וואָס צו רעדען; עס איז נור געבליבען איין ליטעראַרישער קאַמפף. אָבער אויך אין דער ליטעראַטור האָט מען שוין מעהר ניט געקענט געברויכען די פֿריהערדיגע פלוידעריי פֿון די צייטען פֿון די בעזייטע קעניגליכע מאַכט, וואָס זיינען אנגעקומען נאָך דעם פֿאַלען פֿון נאַפּאָלעאָן. כדי צו קריגען צו זיך אַ מיטפֿיהל, האָט די אַריסטאָקראַטיע זיך געדאַרפֿט מאַכען אַזוי ווי זי וואָלט פֿערגעסען וועגען איהרע אייגענע אינטערעסען, אַז זי שרייבט איהר בעשולדיגונגסאַקט געגען די בורזשואַזיע, זייענדיג בעוועגט דערצו נור פֿון די אינטערעסען פֿון דעם עקספּלואַטירטען אַרבייטער קלאַסס. אויף אַזא אופן האָט זי זיך געטהון פֿערגנינגען, אַרויסלאָזענדיג פּאַסקווילען געגען איהר נייעם הערשער און שושקענדיג איהם אויף דעם אויער אונאַנגענעהמע נביאות וועגען שווערע שטראָף און אומגליקען.

אַזוי איז ענשטאַנען דער פֿעאָדאַלער סאָציאַליזמוס, טיילווייז איין קלאָגליערעלע, טיילווייז איין פּאַסקוויל, העלפט—איין אָפּקלאַנג פֿון דער פֿערגאַנגענהייט, אויף העלפֿט—איין התראה פֿון דעם צוקונפֿט. דאָס פֿלעגט אָפֿטמאָל טרעפֿען שווער די בורזשואַזיע גלייך אין האַרצען מיט איהרע שאַרפֿזיניגע נעראַנקען, וואָס האָבען איהר נעשאַפֿען איין גרויסעז וועהטאָג, און וואָס האָבען אַלע מאָל דאָך גע-

מאַכט אין קאָמישען אײַנדרוק מיט איהר פֿאָללע אונפֿיהיגקייט צובעגרײַפֿען דעם גאַנג פֿון דער יעצטיגער היסטאָרישער ענטוויקלונג. זיי האָבען זיך געפֿאָכט מיט דער פּראָלעטאַרישער טאַרבע, אַנשטאָט אַ פֿאָהן כדי צי־צוציהען אויף זייער זייט דעם פֿאָלק. אָבער גייהענדיג נאָך זיי פֿלעגט דער פֿאָלק דערזעהן פֿון הינטען דעם אַלטען פֿעאָדאַלען הערב און פֿלעגט זיך פֿאַנאַנדער לויפֿען מיט אַיין אונאַרטיגען געלעכטער. אַ טייל פֿון די פֿראַנצויזישע לעגיטימיסטען און די יונגע ענגלאַנד האָבען מיט גרויס פֿלייסיגקייט געשפּיעלט די קאָמעדיע אויף לייטישע געלעכטער.

בעוויזענדיג, אַז דער אופֿן, אויף וועלכען זיי האָבען עקספּלואַטירט איז אין גאַנצען ניט עהנליך צו דער בורזשואַזער עקספּלואַטאַציאָן, פֿערגעסען די אַלטע באַראָנען, אַז זיי האָבען עקספּלואַטירט ביי אַנדערע אומשטענדען און בעדינגונגען, וואָס זיינען שוין לאַנג פֿערגאַנגען, אָנווייזענדיג אויף דעם, אַז אין די צייט פֿון זייער הערשונג איז ניט געווען קיין היינטיגער פּראָלעטאַריאַט, פֿערגעסען זיי, אַז טאַקע די יעצטיגע בורזשואַזיע איז געווען אַיין נויטיגער צווייג פֿון זייער געזעלשאַפֿטליכען בוים. אייגענטליך, אויף וויפֿיל זיי האַלטען ניט פֿיר נויטיג צו בעהאַלטען דעם רעאַקציאָנערען כאַראַקטער פֿון זייער קריטיק, קען מען זעהן פֿון דעם הויפּט פּונקט אין וועלכען זיי בעשולדיגען די בורזשואַזיע, וועלכער בעשטעהט אין דעם, וואָס ביי דעם בורזשואַזען רעזשים ענטוויקעלט זיך אַיין קלאַסס, וועלכער וועט אָפּראַמען פֿון דער ערד דעם אַלטען געזעלשאַפֿטליכען אָרדנונג.

זיי וואַרפֿען אויף די בורזשואַזיע ניט אַזוי פֿיל אין דעם, וואָס זי בעשאַפֿט אַיין פּראָלעטאַריאַט אין אַלגעמיין, וויפֿיל איבערהויפּט אין דעם, וואָס זי בעשאַפֿט אַיין רעוואָלוציאָנערען פּראָלעטאַריאַט.

דעריבער נעהמען זיי אַנ׳אַנטייל אין דער פּראַקטיק אין אַלע פֿערשווערונגס מיטלען געגען דעם אַרבייטער קלאַסס און אין געוויינליכען לעבען. ניט קוקענדיג אויף זייערע הויכע אָנגעבלאָזענע געשפּרעכען זיינען זיי גערן אַראָפּצורייסען אַ פֿעטערען ביססען און פֿערבייטען זייער טריהייט, „ליעבע״ און „עהרע״ אויף הענדלערײַ מיט שעפּשענע וואָל, מיט צוקער און בראַנפֿען. דער פּאָפּ איז שטענדיג נאָכגעגאַנגען דעם פֿעאָדאַל, דער קריסטליכער סאָציאַליזמוס געהט אויך שטענדיג נאָך דעם פֿעאָדאַלען. עס איז

גאַנץ גרינג צו געבען דער קריסטליכער נזירות אַיין סאָציאַליסטישע פּאַרב. צו דען האָט דער קריסטענטום זיך ניט געווענדעט מיט היץ געגען פּריוואַט אֵייגענטום, געגען חתונה—האָבען און געגען דער מלוכה? צו דען האָט ער ניט געפּרעדיגט זיי פּערבייטען מיט וואהל-טהעטיגקייט און מיט איין אָרימען לעבען, ניט חתונה—האָבען און פּערשטיקען אין זיך די קערפּערליכע פּערלאַנגען, מיט אַיין כאָנאַ-בען לעבען און מיט דער קירכע? דער קריסטליכער סאָציאַליזמוס—דאָס איז די היילינע וואַסער, מיט וועלכע די גייסטליכע בעשפּריצען דעם כעס פֿון די אַריסטאָקראַטען.

ב) דער קליינבירגערליכער סאָציאַליזמוס.

די פֿעאָדאַלע אַריסטאָקראַטיע איז ניט דער אֵיינציגער קלאַסס, וואס די בורזשואַזיע האט אַראפּגעוואָרפען, וואס זיין עקזיסטענץ איז געוואָרען אונמעגליך אין זעהר אונאַנגענעהם אין דער היינטיגער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפֿט.

דער מיטעלאַלטערישער בירגער-קלאַסס און דער קליינליכער בויער קלאַס זיינען געוועזען פֿריהער ווי די היינטיגע בורזשואַזיע. אין די לענדער, וואו אינדוסטריע און האַנדעל זיינען ווייניגער ענטוויקעלט, זשאַוועט נאָך דער קלאַסס ווי עס איז צוגלייך מיט דער גרויסבורזשואַזיע, וואָס האַלט זיך דאָרט אין ענטוויקלען. אין די לענדער, וואו עס האָט זיך ענטוויקעלט די היינטיגע ציוויליזאַציאָן, האָט זיך געבילדעט און עס בילדעט זיך שטענדיג פֿון דאָס ניי אַ נייע קליינבורזשואזיע, אַלס אַ צוגאָב צו דער היינטיגע געזעלשאַפֿט, וואָס וויעגט זיך צווישען דעם פּראָלעטאַריאַט און דער בורזשואַזיע. אָבער די קאָנקורענץ שטופּט זיי אַראָפּ אָהן איין אופהער אין די רייהען פֿון דעם פּראָלעטאַריאַט, און זיי זעהען, ווי מיט דער ענטוויקלונג פֿון גרויס-אינדוסטריע, דערנעהערט זיך דער מאָמענט, ווען זיי וועלען אינגאַנצען פֿערניכטעט ווערען, אַלס איין זעלבסשטענדיגע טייל פֿון דער היינטיגער געזעלשאַפֿט און זייער אָרט אין האַנדעל, אין מאַנופאַקטור, אין ערד אַרבייט וועלען פֿערנעהמען אויפֿזעהער אויף די אַרבייט און בעדיענער.

נאַטירליך, אַז אין פֿראַנקרייך - וואו די פּויערים זיינען מעהר ווי אַ העלפֿט פֿון דער גאַנצער בעפֿעלקערונג, האָבען די שרייבער,

וואָס האָבען אַרויסגעטראָטען צו פֿערטיידיגען דעם פּראָלעטאַריאַט נעגען די בורזשואַזיע, געקריטיקירט דעם בורזשואַזען רעזשים נאָך איין קליינבירגערליכע און איין קליינפּויערישע מאָס. זיי האָבען זיך אָנגענומען פֿיר דעם אַרבייטער פֿון שטאַנדפּונקט פֿון דער קליינ-בורזשואַזיע. אַזוי האָט זיך געבילדעט דער קליינבירגערליכער סאָציאַליזמוס.

דיזער סאָציאַליזמוס האָט טיעפֿזיננינג פֿונאַנדערגעגלידערט און האָט בלויז אויסגעשיילט די היפּוכים פֿון די יעצטיגע פּראָדוקציאָנס בעציהונגען.

ער האָט אַראָפּגעריסען דעם שלייער פֿון די צבועשישע צוגעפּאַרבענע בילדער, וואָס די עקאָנאָמיסטען שטעלען פֿאָר. די צושמעטערענדע ווירקונג פֿון דער מאָשינען-פּראָדוקציאָן און פֿון דער צוטיילונג פֿון דער אַרבייט, די קאָנצענטראַציאָן פֿון דעם קאַפּיטאַל און פֿון די ערד-אייגענטום, די איבער-פּראָדוקציאָן, קריזיסען, די נויטווענדיגקייט פֿון דעם אונטערגאַנג פֿון דער קליינבורזשואַזיע און פֿון די פּויערים, די אָרימקייט פֿון דעם פּראָלעטאַריאַט, די אונאָרדנונג וואָס הערשט אין דער פּראָדוקציאָן, די שרייאיגע אונגערעכטיגקייט אין דעם פֿונאַנדערטיילונג פֿון אַרבייטס פּראָדוקטען, דער שרעקליכער אויסראָטענדער קאַמפּף און האַנדעל, וועלכען עס פֿיהרען צווישען זיך די נאַציאָנען, די פֿערניכטונג פֿון די אַלטע מנהגים פֿון דעם אַלטען פֿאַמיליען-לעבען, פֿון די אַלטע נאַציאָנאַליטעטען—דאָס-אַלץ איז אַזוי קלאָהר אַרויסגעוויזען געוואָרען דורך דעם קליינ-בירגערליכען סאָציאַליזמוס, אַז דאָס איז שוין אונמעגליך אָפּצולייקענען. אין זיין פּאָזיטיווער פּראָגראַם אָבער וויל דיזער סאָציאַליזמוס ניט מעהר, ווי אויפֿשטעלען פֿון דאָס ניי די אַלטע מיטלען פֿון אויסאַרבייטונג און פֿון פֿערקעהר און צוזאַמען מיט דעם אויך אויפֿשטעלען די אַלטע אייגענטומס בעציהונגען און די אַלטע געזעלשאַפֿט, אָדער ער וויל ווידער מיט געוואַלט אַריינשטופּען די היינטיגע פּראָדוקציאָנסגעצייג אין די רעמלעך פֿון די אַלטע אייגענטומס-בעציהונגען, וואָס זיי האָבען צובראָכען און וועלכע זיי האָבען געמוזט צוברעכען. סיי אין דעם, סיי אין יענעם פֿאַל איז דיזער סאָציאַליזמוס אין דער זעלבער צייט רעאַקציאָנער און אוטאָפּיש.

אָרגאַניזירען די מאַנופֿאַקטור אין צעכען און איינפֿיהרען איין פּאַטריאַרכאַלישע דאָרף-ווירטשאַפֿט—דאָס איז זיין לעצטער וואָרט.

אין איהר ווייטערדיגער ענטוויקלונג איז די ריכטונג אומגעענדערט געוואָרען אין איין שרעקעריגען בורצענען.

ג) דער דייטשער אָדער דער „אֶמֶתֶער" סאָציאַליזמוס.

די סאָציאַליסטישע און די קאָממוניסטישע ליטעראַטור פֿון פֿראַנקרייך, וואָס איז ענטשטאַנען אונטער דעם דרוק פֿון דער הערשענדער בורזשואַזיע, און האָט פֿאַרגעשטעלט דעם קאַמפּף מיט דיזער הערשונג אין דער ליטעראַטור, איז געוועזען איבערגעטראַגען אין דייטשלאַנד אין יענער צייט, ווען דיא בורזשואַזיע האט נאָך ערשט אנגעהויבען איהר קאמפּף מיט דער זעלבסטהערשונג פון די פעאדאלען.

די דייטשע פילאסאפען, האלבע פילאסאפען און מענשען אויבערפלעכליכע אין געזעלשאפטליכע פראגען האבען זיך מיט גרויס חשק אַרויפֿגעוואָרפֿען אויף די ליטעראַטור; זיי האבען מעהר ניט פֿערגעסען, אַז צוזאַמען מיט די ליטעראַטור זיינען אין דייטשלאַנד ניט דורכגעדרונגען פֿון פֿראַנקרייך די פֿראַנצויזישע תנאים פֿון לעבען.

אין די דייטשע בעדינגונגען האט די פֿראַנצויזישע ליטעראַטור פֿערלארען יעדען פראַקטישען ווערטה און האט אנגענומען איין ריין ליטעראַרישען כאַראַקטער. זי האט אנגענומען איין כאַראַקטער פֿון גלאַט פֿילאזאפֿירען, ניט בענרינדענדיג זיך אויף וועלכע עס איז פֿאַקטען, ווע׳ען דעם, אין וואס באשטייט די אמת׳ע נאַטור פֿון דעם מענשען.

פֿיר די דייטשע פֿילאזאפֿען פֿון 18-טען יאהרהונדערט האבען די פֿאדערונגען פֿון די ערשטע פֿראַנצויזישע רעוואלוציאן געהאַט נור דעם זינן, וואָס זיי זיינען געוועזען די פֿאָדערונגען פֿון דעם „פראַקטישען פֿערשטאַנד" אין אַלגעמיין און דער ווילען פֿון דער רעוואלוציאנערער פֿראַנצויזישער בורזשואַזיע האט אין זייערע אויגען אויסגעוויזען פֿאַר געזעצען פֿון אַלגעמיינעם ווילען, פֿון דעם ווילען, ווי ער דאַרף פֿארקומען, פֿון דעם אמת׳ען מענשליכען ווילען. די אַרבייט פֿון די דייטשע שרייבער איז בעשטאַנען דורכאויס אין איינשטימען די נייע פֿראַנצויזישע געדאַנקען מיט זייער אַלטען פֿילאָזאָפֿישען געוויסען, אָדער, בעסער, אין דעם מיטעל, ווי אָנצונעהמען די פֿראַנצויזישע געדאַנקען, ניט בייטענדיג זייער פֿילאָזאָפֿישען שטאַנדפּונקט.

ראָס בעקענען זיך מיט די פֿראַנצויזישע אידעען איז פֿאָרגעקומען אויף דעם זעלבען אופן, אויף וועלכען מען ערלערנט איין אויסלענדישע שפּראַך דורך איין איבערזעץ.

עס איז בעוואוסט, אַז די מאָנאַכען פלעגען אָנשרייבען אויף די האַנדשריפטען, וואָס פלעגען ענטהאַלטען אין זיך די בעסטע ווערק פֿון די אַלטע געטצענדינערשע צייט, ניט געשטויגענע לעבענסגעשיכטען פֿון די קאַטוילישע הייליגע. די דייטשע שרייבער האָבען געטהאָן פונקט פֿאַרקעהרט מיט דער פראַנצויזישער ליטעראַטור, וואָס איז געווען ווייט פון אַזאַ פֿילאָזאָפֿיע, וועלכע איז אָבגעטיילט פֿון איין רעעלען באָדען. הינטער דעם פֿראַנצויזישען אָריגינאַל פֿלעגען זיי שרייבען זייערע פֿילאָזאָפֿישע אונזיניגקייטען.

צום ביישפּיעל, הינטער די פֿראַנצויזישע קריטיק פֿון געלדשייכות'ען האָבען זיי געשריעבען וועגען „זעלבסט' בעגרענעצען דעם מענשליכען וועזען", הינטער די פֿראַנצויזישע קריטיק פֿון דעם בירזשואַזען שטאַאַט—וועגען „די פֿערניכטונג פֿון די הערשונג פֿון דעם אַבסטראַקט-אַלגעמיינעם" א. ז. וו. די פֿערבייטונג פֿון די פֿראַנצויזישע אויספֿאָרשונגען אויף אייגענע פֿילאָזאָפֿישע פלוידעריי האָבען זיי געגעבען איין נאָמען „די פֿילאָזאָפֿיע פֿון טהאַט", „אמת'ער סאָציאַליזמוס" „דייטשער סאָציאַליסטישע לעהרע", „פֿילאָזאָפֿישע בעגרינדונג פֿון סאָציאַליזמוס" א. ז. וו.

אַט אַזוי איז ביי די פֿראַנצויזישע סאָציאַליסטיש-קאָממוניסטישע ליטעראַטור אָפּגענומען געוואָרען איהר פֿרוקטבאַרקייט.

אַזוי ווי אין די הענד פון די דייטשען האָט זי אויפֿגעהערט צו זיין איין אויסדרוק פון קאַמפּף פֿון איין קלאַסס געגען דעם אנדערען, האָבען די דייטשען זיך געטראַכט, אַז זיי האָבען אָפּגעשאַפֿט די פראַנצויזישע איינזייטיגקייט, פֿערטיידיגענדיג אנשטאָט די אמת'ע בעדערפֿניסען—די בעדערפֿנים אין אמת, אַנשטאָט פּראָלעטאַרישע אינטערעסען—די אינטערעסען פֿון יעדע מענשליכע בעשעפעניש, פֿון דעם מענשען אין ברייטען זינן פֿון דעם וואָרט, וואָס געהערט ניט צו קיין קלאַסס... און וואָס עקזיסטירט ניט אין דער ווירקליכקייט, נור אין דער פערוואָלקענטער וועלט פֿון זייערע פֿילאָזאָפֿישע פֿאַנטאַזיען.

דיעזער דייטשער סאָציאַליזמוס, וואָס האָט געקוקט אַזוי ערענסט און מיט אַזאַ עהרעפֿורכט אויף זיינע לעהרען און וואָס האָט פֿונאַנדערגעקלונגען וועגען זיי אויף אַלע וועגלעך און שטעגלאַך, האָט ביסלעכווייז אָנגעוואָרען זיין פּעדאַנטישע אונשולדיגקייט.

דער קאַמפּף צווישען דער דייטשער און בעזונדערס דער פּריי=

סישער בורזשואַזיע מיט די פּעאָדאַלען און מיט די קעניגליכע מאַכט, קורץ, די ליבעראַלע בעוועגונג האָט אָנגענומען איין ערענסטען כאַראַקטער.

דער „אמת'ער" סאָציאַליזמוס האָט אויף אזא אופן געהאַט איין גוטע געלעגענהייט געגענשטעלען דער פּאָליטישער בעוועגונג די סאָציאַליסטישע פאָדערונגען, ארײנלייגען אין הרם דען ליבעראַליזמוס, די מלוכה פון פאָרשטעהער, די בורזשואַזע קאָנקורענץ, די בורזשואַזע פרייהייט פון דרוק, די בורזשואַזע רעכט, די בורזשואַזע פרייהייט און גלייכהייט און ערקלערען די פאָלקסמאַססען, אַז אין דער בורזשואַזער בעוועגונג וועט זי קיין זאַך ניט געווינען, זי וועט גיכער אַלץ פערלירען. דער דייטשער סאָציאַליזמוס האָט גראדע פערגעסען וועגען דעם, אַז די פראַנצויזישע קריטיק, וועמענס אונבעגאבטער אָפּקלאַנג ער איז געוועזען, האָט דאָס אַלץ גערעדט וועגען דער היינטיגער בורזשואַזער געזעלשאַפט מיט די צוגעפּאַסטע צו איהר מאַטעריעלע תנאים פון לעבען און פּאָליטישע אָרדנונג, מיט איין וואָרט וועגען דעם אַלץ, וואָס אין דייטשלאַנד האָט מען נאָך געדאַרפט בעקעמפּפען. די דייטשע זעלבסטהערשענדע רעגירונגען מיט די גאַנצע סוויטע פון שולעהרער, גוטסבעזיצער און ביוראָקראַטען האָבען זיך בענוצט מיט איהם, ווי מיט איין בעקוועמען מיטטעל אָפּצושרעקען די גרויזאַמע בורזשואַזיע, וואָס האָט געשטרעבט צום הערשאַפט.

ער איז געוועזען אַ פערצוקערטער פערבייסען נאָך די ביטערע נאהייקעס און קוילען, מיט וועלכע די רעגירונגען פלעגען זיך צורעכטמאַכען מיט די אויפשטאַנדען פון די דייטשע ארבייטער.

אויב דער „אמת'ער" דייטשער סאָציאַליזמוס איז אויף אַזאַ אופן געוועזען אַ געוועהר געגען די דייטשע בורזשואַזיע אין די הענד פון די רעגירונגען, איז ער אין דער זעלבער צייט געוועזען איין אונמיטטעלבאַרער פערטיידיגער פון די רעאַקציאָנערע אינטערעסען, פון די אינטערעסען פון דעם דייטשען בירגער-קלאַסס אין דייטשלאַנד איז דער אמת'ער געזעלשאַפטליכער פונדאַמענט פון דעם עקסיסטירענדען אָרדנונג געוועזען די קלייבירגערטום, וואָס איז נאָך געבליעבען פון 16-טען יאַהרהונדערט, וועלכע שווימט נאָך יעצט אַלע ווײלע ווידער אַרויף אויבען אין די אָדער יענע פאָרם.

די פערבלייבונג פון קלײנבירגערטום איז די זעלבע זאַך ווי די פערבלייבונג פון דעם הערשענדען אָרדנונג אין דייטשלאַנד.

די קליינבירגער האָבען מורא געהאַט אַז די הערשונג פון דער בורזשואַזיע אין דעם האַנדעל און אין דער פּאָליטיק וועט אונפּער-מיידליך ברייננען צו זייער אונטערגאַנג צוליעב די קאָנצענטרירונג פון קאַפּיטאַל פון איין זייט און צוליעב די ענטשטעהונג פון איין רעוואָלוציאָנערען פּראָלעטאַריאַט פון דער אנדערער זייט. זיי האָט זיך געדוכט, אַז דער „אמת'ער" סאָציאַליזמוס דער'הרג'עט צוויי פליענען מיט אַ מאָהל. און דעריבער האָט זיך די ריכטונג פער-שפּרייט ווי איין מגפה. געוועבט פון פילאָזאָפישע שפּינוועבס, בעפּוצטע מיט בלומען פון שיינע פּלפּול'דיגע רעדעס, בעשפּריצט מיט טוי פון סאַנטימענטאַלע אידעאַלקייט פון גייסט—איין קלייד מיט איין אויבערשטען בלאַסק, אין וועלכע די דייטשע סאָציאַליסטען האָבען אײַנגעוויקעלט זייערע עטליכע פערגליווערטע „איביגע וואַר-הייטען"—האָט דאָס פערגרעסערט נאָך דעם אויסברייננען פון זייערע סחורות ביי די קליינבירגערליכע פּובליק.

פון דער אַנדערער זייט איז דער דייטשער סאָציאַליזמוס אַלץ מעהר דורכנעדרונגען געוואָרען מיט דעם געדאַנק, אַז זיין אַר-בייט איז צו זיין איין פערטיידיגער פון בירגערטום אין הויכע פראַזען.

ער האָט ערקלערט די דייטשע נאַציאָן פיר איין נאָרמאַלע נאַ-ציאָן, דעם דייטשען בירגער פיר איין נאָרמאלען מענשען. יעדער בירגערליכער נידעריגקייט האָט ער צוגעגעבען איין פערשטעלטען, איין העכערען, איין סאָציאַליסטישען זינן, און די נידעריגקייט פלעגט דאַדורך בעקומען גאָר איין אַנדערע ווערדע. ער האָט ענטוויקעלט זיין געדאַנק ביזן סוף, אַרויסטרעטענדיג אָן קונצען געגען דער ריכ-טונג פון קאָממוניזמוס, וואָס וויל אַלץ ווילד פערניכטען און ערקלע-רענדיג זיך העכער פון אַלע פּאַרטייען און פון יעדער קלאַססען-קאַמפף. אחוץ איניגע אויסנאַהמען געהערען כמעט אַלע ווערק, וואָס מען רופט זיי כלומרשט סאָציאַליסטישע און קאָממוניסטישע און וואָס ווערען געברויכט אין דייטשלאַנד, צו דעם סאָרט שמוציגע אָפּשוואַכענדע ליטעראַטור.

2 דער קאָנסערוואַטיווער אָדער דער בורזשואַזער סאָציאַליזמוס.

אַ געוויסע טייל פֿון דער בורזשואַזיע וואָלט געוואָלט מאַכען אַ סוף צו די סאָציאַלע צרות, כדי צו פֿערשטאַרקען די עקזיסטענץ פֿון דער בורזשואַזער געזעלשאַפֿט.

צו די טייל געהערען: עקאָנאָמיסטען, פֿילאַנטראָפּען, הומאַנע, גוטהערציגע מענשען, מענשען, וואָס ווילען פֿערבעסערן די לאַגע פֿון דעם אַרביטער־קלאַסס, כלל־טהוער, מיטגליעדער פון די געזעלשאַפֿט געגען שכרות, און פערשיעדענע אַנדערע קלאָגעדיגע רעפֿאָרמאַטאָרען. דער בורזשואַזער סאָציאַליזמוס איז אויך געווען פונאַנדערגעאַרבייט אין גאַנצע סיסטעמען.

מיר ווילען צום ביישפּיעל אָנווייזען אויף פּרודאָנס „די פֿילאָזאָפֿיע פֿון אָרימקייט". דער רעוואָלוציאָנערער שטורמווינד פֿון 1848-טען יאָהר האָט אַראָפּגעראַמט אָט די גאַנצע היבש געניצטע ריכטונג און האָט אָפּגעשלאָגען ביי איהרע פֿאָרשטייהער יעדען לוסט ווייטער פֿערנעהמען זיך מיט סאָציאַליזמוס.

די סאָציאַליסטישע בורזשואַ ווילען איינהאַלטען די תנאים פֿון דער עקזיסטענץ פֿון דער היינטיגער געזעלשאַפֿט אָהן דעם קאַמפּף און דעם געפֿאַהר ׳ וואָס מוזען פֿאָרקומען אָט צוליעב די תנאים. זיי ווילען איינהאַלטען די עקסיסטירענדע געזעלשאַפֿט אַ חוץ איהרע רעוואָלוציאָנערע און צושטערענדע עלעמענטען. זיי ווילען האָבען די היינטיגע בורזשואַזיע אָהן דעם פּראָלעטאַריאַט. די בורזשואַזיע, פֿערשטייט זיך, האַלט די וועלט, אין וועלכע זי הערשט, פֿיר די בעסטע וועלט. דער בורזשואַזער סאָציאַליזמוס אַרבייט אויס אָט די אָפּטימיסטישע פֿאָרשטעלונגען אין איין מעהר אָדער ווייניגער געענצליכע סיסטעם. דער בורזשואַזער סאָציאַליזמוס, צורופֿענדיג די פּראָלעטאַריער צו פּערווירקליכען זיינע פּלענער און אַריינטרעטען אין דיזע ערד וואָס פֿליעסט מיט מילך און מיט האָניג, פֿאָדערט דעם עיקר נור, אַז זיי זאָלען ווייטער לעבען אין דער יעצטיגער געזעלשאַפֿט, זיי זאָלען זיך נאָר אָפּזאָגען פֿון זייער פֿיינדליכע בעציהונג צו דיזער געזעלשאַפֿט.

די צווייטע פֿאָרם פֿון סאָציאַליזמוס, איין ווייניגער סיסטעמאַטישע, אָבער איין מעהר פּראַקטישע, האָט געזוכט אָפּצואווענדען דעם אַרבייטער קלאַסס פֿון יעדער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג, בעווייזענדיג, אַז איהם קען בריינגען נוצען נים די אָדער יענע פֿאָ-

ליטישע איבערקעהרעניש, נור די אומבייטונג פון די מאַטעריעלע בעדינגונגען פֿון לעבען, פֿון דעם עקאָנאָמישען מצב. אָבער אונ-טער די אומבייטונג פון די מאַטעריעלע תנאים פֿון לעבען פֿערשטייט ניט אָט דער סאָציאַליזמוס די פערניכטונג פון די בורזשואַזע פּראָ-דוקציאָנס-בעציהונגען, וואָס קען פֿערווירקליכט ווערען דורך איין רעוואָלוציאָן, נור אייניגע פֿערבעסערונגען אין דעם רעגירונגס-מעכאַ-ניזמוס, פֿערבעסערונגען, וועלכע ווערען געמאַכט אויף דעם באָדען פֿון היינטינע פראָדוקטיווע בעציהונגען, און וועלכע בייטען אַלזאָ גאָר ניט אום די שייכות צווישען דעם קאַפּיטאַל און דער אַרבייט און אין בעסטען פאַל פֿערקלענערן זיי פיר די בורזשואַזיע די הוצאות אויף איהר הערשאַפֿט און מאַכען איינפֿאַכער איהר מלוכה'שע ווירטשאַפֿט.

דער בורזשואַזער סאָציאַליזמוס שטעלט זיך אונז פאָר אין זיין גאַנצע שיינהייט בעזונדערס דאָרט, וואו ער ווערט מעהר ניט ווי אַ פוסטע קלינגענדע פראַזע.

פֿרייהייט פֿון האַנדעל!—אין די אינטערעשען פֿון אַרבייטער קלאַסס. פראַטעקציאָנע אָבצאָהלונגס פרייזען אויף סחורות [1])—אין די אינטערעסען פֿון אַרבייטער קלאַסס, אָט דאָס לעצטע איז דאָס איינציגע וואָרט פֿון בורזשואַזען סאָציאַליזמוס, וואָס קלינגט ניט פֿאַלש.

דער בורזשואַזער סאָציאַליזמוס ווערט געבראַכט צו דעם גע-דאַנק, אַז די בורזשואַ זיינען בורזשואַ... ציליעב די אינטערעסען פֿון אַרבייטער קלאַסס.

8) דער קריטיש-אוטאפּיסטישער סאציאליזמוס און דער קאממוניזמוס.

מיר ריידען דאָ ניט וועגען די ליטעראַטור, וועלכע האָט ביי אַלע גרויסע רעוואָלוציעס אויסגעדריקט די פֿאָדערונגען פֿון דעם פּראָלעטאַריאַט (די ווערק פֿון באַביאָף, למשל א. ז. וו.)

[1]) הויכע פאשלינעס אויף אויסלענדישע סחורות, כדי זיי זאלען ניט קענען קאנקורירען מיט די ארטיגע פראדוקטען · די קאפיטאליסטען בעקומען אויף אזא אופֿן מעהר פראפֿיט אויף דעם חשבון פֿון דער בעפֿעלקערונג · דער איבערז׳

די ערשטע פּראָבען, וואָס דער פּראָלעטאַריאַט האָט געמאַכט, כּדי גלייך צופירען צו שטעלען זיינע קלאַססען אינטערעסען, אין דער צייט פון אַלגעמיינער אויפרעגונג, ווען עס איז געפאַלען די הערש-שאַפט פון די פריצים, האָבען נויטווענדיג געמוזט באַנקראָטירען. זיי האָבען באַנקראָטירט, ווייל דער פּראָלעטאַריאַט איז נאָך ניט געווען אינגאַנצען אַ'ן אויסנעבילדעטער קלאַסס, אגב דערפאַר, וואָס עס האָבען געפעהלט די מאַטעריעלע כחות אויף זיין בעפרייאונג, וועלכע ווערען אויסגעאַרבייט אין די בורזשואַזע עפּאָכע. די רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור, וואָס איז נאָכגעגאַנגען נאָך די ערשטע בעוועגונגען פון דעם פּראָלעטאַריאַט איז נאָך איהר אינהאַלט געווים איין רעאַקציאָנערע. זי פּרעדיגט אַלע זאָלען ווערען נזירים און אַז מען זאָל איינשטעלען אַלגעמיינע גלייכהייט אין איהר גראָבסטע פאָרם.

די סאָציאַליסטישע און קאָממוניסטישע סיסטעמען פון סען סימאָנען, פוריע, אוועגען א. ז. וו. בעווייזען זיך אין דער התחלה פון דעם קאַמפף צווישען דעם פּלאָלעטאַריאַט און דער בורזשואַזיע וועגען וועלכע מיר האָבען פריהער גערעדט (אין דעם קאַפּיטעל וועגען די „בורזשואַ און פּראָלעטאַריער").

פאַר די בעשעפער פון די סיסטעמען זיינען קלאָהר, ווי דער געגענזאַץ צווישען די קלאַססען, אַזוי אויך די ווירקונג פון די צושטערענדע עלעמענטען אין דער הערשענדער געזעלשאַפט, זיי זעהען אָבער ניט אין דעם פּראָלעטאַריאַט קיין היסטאָרישע זעלבסטטהעטיגקייט, קיין פּאָליטישע בעוועגונג, וועלכע ער דאַרף דורכפיהרען. די ענטוויקלונג פון די קלאַססען געגענזעצע געהט האַנד ביי האַנד מיט די ענטוויקלונג פון האַנדעל און אינדוסטריע. דעריבער געפינען זיי צו ווייניג כוחות אויף צו בעפרייען דעם פּראָלעטאַריאַט. זיי סטאַרעווען זיך צו בעשאַפען איין געזעלשאַפטליכע לעהרע און ענדעקען די סאָציאַלע געזעצען, כדי צו בעשאַפען די בעדינגונגען.

דעם אָרט פון טהעטיגקייט פון דעם כלל דאַרף פערנעהמען זייער איינענע געניאַלע טהעטיגקייט, דעם אָרט פון היסטאָרישע סבות—פאַנטאַסטישע בעדינגונגען. דעם אָרט פון ביסלעכווייזיגע אָרגאַניזירונג פון דעם פּראָלעטאַריאַט אין איין קלאַסס—איין אָרגאַניזאַציאָן פון דער גאַנצער געזעלשאַפט, וואָס זיי האָבען אַליין אויסגעקלערט. די ווייטערדיגע וועלטליכע געשיכטע בעשטעהט פיר זיי

מעהר ניט אין פּרעדיגען און פּראַקטיש צו פֿערווירקליכען זייערע
פּלענער וועגען די געזעלשאַפֿטליכע אָרדנונג.

טאַקי, זיי איז קלאָר, אַז אין זייערע פּלענער פֿערטיידינען זיי
די אינטערעסען פֿון דעם אַרבייטער קלאַסס, אַלס אַזאַ, וואָס ליידט
מעהר פֿון אַלעמען. דער פּראָלעטאַריאַט עקזיסטירט פֿאַר זיי מעהר
ניט פֿון דעם קוק, אַלס איין מעהר ליידענדער, דאָס וואָס דער קלאַס-
סען-קאַמפּף האָט זיר נאָך דאַן ערשט אָנגעהויבען און איז געווען
שוואַך ענטוויקעלט, אויך זייער אייגענע לאַגע אין דער געזעלשאַפֿט
ברייגגען צו דערצו, אַז זיי רעכענען זיך העכער פֿון די קלאַססען-
געגענזעצע. זיי ווילען פֿערבעסערען דעם לעבען פֿון אַלע מיטגליע-
דער פֿון דער געזעלשאַפֿט, אפילו פֿון די, וואָס לעבען אין גרויסען
וואוילטאָג, דעריבער ווענדען זיי זיך צו דער גאַנצער געזעלשאַפֿט
אָהן איין אונטערשייד, זאָגאַר איבערהויפּט צו דעם הערשענדען
קלאַסס. נאָך זייער מיינונג, דאַרף מען נור פֿערשטעהן זייערע סיסטע-
מען און דאַן מוז מען שוין מודה זיין, אַז דאָס איז דער בעסטער
פּלאַן ווי איינצופֿיהרען די בעסטע עפֿענטליכע אָרדנונג. דעריבער
שטויסען זיי אָפּ יעדע פּאָליטישע טהעטיגקייט, אפשיטא שוין רע-
וואָלוציאָנערע, זיי ווילען דערגרייכען זייער ציעל מיט גוטען און
פּרואווען זיך מיט קליינע עקספּערימענטען, וואָס ברייגגען ניט קיי-
נע נוטצען, מיט דעם אייגענעם ביישפּיעל צו מאַכען איין וועג צום
פֿערווירקליכען דעם היינטיגעי געזעלשאַפֿטליכען ברית-החדשה.

זייערע פֿאַנטאַסטישע בעשרייבונגען פֿון דער געזעלשאַפֿטליכער
צוקונפֿט ווערט אַרויסגערופֿען דאַן, ווען דער פּראָלעטאַריאַט טהוט
זיך אַ רים מיט אַ מאָהל גרינדליך איבערצובייטען די געזעלשאַפֿט-
ליכע אָרדנונג, ווען ער מאַכט איין אָנגרייפֿונג, צו וועלכען עס
טרייבט איהם דער געפֿיהל. ווען דער פּראָלעטאַריאַט איז נאָך שטאַרק
ניט ענטוויקעלט, דאַן טראָגט זיין פֿאָרשטעלונג וועגען זיין לאַגע
איין פֿאַנטאַסטישען כאַראַקטער.

אין די סאָציאַליסטישע און קאָממוניסטישע ווערק זיינען אָבער
אויך דאָ קריטישע געדאַנקען. זיי קוקען איבער אַלם אויף וואָס עס
שטיצט זיך די עקזיסטירענדע געזעלשאַפֿטליכע אָרדנונג. אין דעם
זינן האָבען זיי געגעבען זעהער איין קאָסטבאַרען מאַטעריאַל צו ענט-
וויקלען די אַרבייטער. זייערע אייגענע פּראָיעקטען, די פּרינציפּען,
וואָס זיי ווילען פֿעסטשטעלען פֿיר דעם צוקונפֿטשטאַאַט, ווי למשל
די פֿערניכטונג פֿון געגענזאַץ צווישען דאָרף און שטאָדט, די פֿער-
ניכטונג פֿון דער פֿאַמיליע, פֿון פּריוואַטרייכטהום, פֿון געדונגענע

אַרבייטער, די פרעדיגונג פֿון געזעלשאַפטליכען פֿריעדען, דאָס אײנפֿיהרען אנשטאט דער מלוכה איין פשוטע אַיינאָרדנונג און רעגי-רונג איבער די פראָדוקציאָן—די פרינציפּען וועלען מעהר ניט סוף כל סוף פֿערניכטען די קלאַססענגעגענזעצע, וועלכע האָבען זיך נאָך ערשט דאַן אָנגעהויבען צו ענטוויקלען און זיינען נאָך געווען בע-קאַנט אין זייער אָנפֿאַנגס פֿאָרם, זיינען געווען ניט קלאָר און אונ-בעשטימט. דעריבער טראָגען די פרינציפּען גופא איין ריין אוטאָ-פּיסטישען כאראַקטער.

די ווערדע פֿון דעם קריטיש-אוטאָפּיסטישען סאָציאַליזמוס און פֿון דעם קאממוניזמוס ווערט וואָס ווייניגער, וואָס מעהר עס ענט-וויקעלט זיך היסטאָריש די געזעלשאַפֿט. וואס מעהר עס ענטוויקעלט זיך און ווערט מעהר בעשטימט דער קלאַססען-קאַמפּף, אַלץ ווייני-גער פּראַקטישען זינן בעקומט אָט די שטרעבונג פֿון די אוטאָפּיסטען זיך שטעלען העכער פֿון דעם קלאַססען קאַמפּף. אין טעאָרעטישען הינזיכט האָט ער נאָך ווייניגער מיט וואָס זיך צו פֿערענטפערן. די גרינדער פֿון דיזע טעאָריען, פֿון דיזע סיסטעמען זיינען געווען גרוי-סע רעוואָלוציאָנערען, זייערע תלמידים בילדען אבער גאַנץ רעאַקציאָנערע סעקטען. זיי האַלטען זיך פֿעסט ביי די געדאַנקען פֿון זייערע לעהרער און מאַכען זיך ניט וויסען פֿון דעם וויטערדי-גען ענטוויקלונגס-גאַנג פֿון דעם פּראָלעטאַריאַט. זיי ווילען מאַכען ניט קענטיג דעם קלאַססען קאַמפּף און אָפּשאַפֿען די פֿיינדשאַפֿט צווישען די קלאַססען. זיי ווילען נאָך אַלץ פֿעדווירקליכען זייערע חלומות דורך גרינדען פאַלאַנסטערען, איינפֿיהרען קאָממוניסטישע קאָלאָניען א. ז. וו. כדי אויפצובויען די אַלע לופֿטשלעסער, דאַרפֿען זיי זיך ווענדען צו די מענשענליעבע פֿון די בורזשואַזע הערצער און בייטלעך. ביסלעכווייז געהען זיי אַריבער צו די רעאַקציאָנערע און קאָנסערוואַטיווע סאָציאַליסטען, וועגען וועלכע מיר האָבען פֿריהער גערעדט. זיי טרעטען אַרוים מיט עקשנות געגען יעדע אַרבייטער בעוועגונג, וואָס טראָגט איין פּאָליטישען כאַראַקטער. זיי מיינען, אַז דאָס קומט אַרויס מעהר ניט צולעב דעם, וואָס מען גלייבט ניט אין זייער נייעם גן-עדן.

אָווען טרעט אַרוים געגען די טשארטיסטען אין ענגלאַנד, פֿוריע—געגען די וואַהל- רעפֿאָרמען אין פֿראַנקרייך.

צווישען די פּאָליאַקען שטיצען אונטער די קאָממוניסטען די

פּאַרטיי וואָס שטעלט זיך פאַר איין ציעל די רעוואָלוציאָן און די פּערניכטונג פון ערד אייגענטום, אַלס נייטיגע בעדינגונגען פאַר די נאַציאָנאַלע בעפּרייאונג. דאָס איז די זעלבע פּאַרטיי וואָס האָט בעשאַפען דעם קראַקאָווער בונט פון 1846 יאָהר.

אין דייטשלאַנד קעמפּפען די קאָממוניסטען צוזאַמען מיט די בורזשואַזיע אין דעם פאַל, ווען די לעצטע זיינען רעוואָלוציאָנער, געגען די זעלבסטהערשונג, געגען די פריצישע אייגענטום אויף ערד און דעם קליינבירגערטום.

זי הערט ניט אויף אָבער אויף איין מאמענט אויסצואַרבייטען ביי די אַרבייטער דעם פערשטאנד פון דעם טיעפען אָבגרונד, וואָס ליעגט צווישען דער בורזשואזיע און דעם פּראָלעטאַריאַט. און ווי נאָר די בורזשואזיע וועט פערנעהמען איין הערשענדע לאַגע וועט דער פּראָלעטאַריאַט געגען איהר אנווענדען איהר אייגענעם געוועהר, אָט די זעלבע עפענטליך פּאליטישע בעדינגונגען, וועלכע זי וועט איינשטעלען ביי איהר הערשונג. נאך דעם פאלען פון די רעאַקציאָנערען קלאַססען אין דייטשלאַנד וועט ער גלייך אָנהויבען אַ קאמפּף מיט דער בורזשואַזיע. די קאָממוניסטען ווענדען איבערהויפּט אָן זייער אויפמערקזאַמקייט אויף דייטשלאַנד, ווייל זי געפינט זיך עֶרֶב די רעוואָלוציאָן— דאָרטען וועט די איבערקעהרעניש פּארקומען ביי איין העכער ענטוויקעלטען צושטאַנד פון דער אייראָפּייאישער ציוויליזאַציאָן בכלל און ביי מעהר ענטוויקעלטען פּראָלעטאַריאַט, ווי אין ענגלאַנד אין *17*-טען יאָרהונדערט און אין פראַנקרייך אין *18*-טען. די דייטשע רעוואָלוציאָן קען בכן זיין גלייך צוטרעט צו דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליציאָן.

מיט איין וואָרט, די קאָמוניסטען האַלטען אומעטום אונטער יעדע רעוואָלוציאנערע בעוועגונג געגען די עקסיסטירענדע געזעלשאַפטליכע און פּאליטישע אָרדנונג. אין אַלע בעוועגונגען געגען דעם עקזיסטירענדען געזעלשאַפטליכען און פּאָליטישען אָרדנונג שטעלען קאָממוניסטען פאָרויס די פראַגע וועגען אייגענטום, אויף וועלכע מדרגה פון ענטוויקלונג זי זאָל ניט זיין.

ענדליך, אַרבייטען די קאָממוניסטען אומעטום איבער די פער-אייניגונג אין די איינשטימונג פון אַלע אַרבייטער-פּאַרטייען אין אַלע לענדער די קאָממוניסטען רעכענען פאַר אַ שאַנדע צו בעהאַלטען זייערע מיינונגען און שטרעבונגען. זיי זאָגען אַרויס אָפען, אַז זייער

ציעל קען דערגרייכט ווערען נור מיט אַגעוואַלטיגע איבערקעהרעניש פֿון די גאַנצע געזעלשאַפֿטליכע אָרדנונג. זאָלען די הערשענדע קלאַס־סען ציטררען פֿאַר די קאָממוניסטישע רעוואָלוציאָן. די פּראָלעטאַר־יער קענען קיין זאַך ניט פֿערלירען אין זייער קאַמפּף, חוץ זייערע קייטען, געווינען קענען זיי אָבער די גאַנצע וועלט.

מיט פֿאָדערונגען זיך ווענדען :

Г. ХАИМУ МЕРКИНУ.

Вильна, Садовая ул. д. № 7 кв. 16.